UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 16 05 19 09 009 3

UP
6.IV 83

CB
19
N3

...TUTE 'R' CARD

...E
...OCKET
...RY

CB Nathanson, William
19 Marksizm in likht fun kultur
N3

ו. נאטאנסאן

# מארקסיזם אין ליכט פון קולטור

פארלאג „נייע געזעלשאפט׳ שיקאגא

ו. נאטאנסאן

Treat me kindly
and return me to
GERSHMAN

# מארקסיזם אין ליכט פון קולטור

פארלאג „נייע געזעלשאפט" שיקאגא

Treat me kindly
and return me to
GERSHMAN

פֿון דער סעריע „ניי-סאָציאַליזם“

ו. נאטאנסאן

# מארקסיזם אין ליכט פון קולטור

עסענץ פון בוך „קולטור און ציוויליזאציע“

פארלאג „נייע געזעלשאפט“ שיקאגא
יעקב באבינסקי—פרעזידענט

װאַרשע 1923, געדרוקט אין 2000 עקז.
געזעצט בײ אײנגאָלד, נאַלעװקי
דרוקערײ די „װעלט“, נאָװאָליפּיע № 7

W. NATANSON — MARKSYZM
IN LICHT FUN KULTUR
Drukarnia „Di Welt“, Nowolipie № 7.
WARSZAWA, 1923

CB
19
N3
1923

# א פאַר ווערטער פון פאַרלאַג „נייע געזעלשאַפט״

ווען נאַטאַנסאָנס בוך „קולטור און ציוויליזאַציע״ איז אריין אין דרוק, האָבן מיר אין דעם פּראָספּעקט, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן וועגן דעם גאַנצן ווערק „ניי סאָציאַ-ליזם״, געזאָגט: „מיר צווייפלען ניט, אז דאָס ווערק וועט וועקן נייע געדאַנקען און געפילן וועגן נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע שייכותן אין יעדן איינעם, וואָס וועט זיך נעמען די מי צו לעזן דאָס ווערק״.

מיר פילן זיך איבערגליקלעך, וואָס איצט, זעקס חדשים נאָכדעם ווי „קולטור און ציוויליזאַציע״ — דער ערשטער באַנד פון ווערק „ניי סאָציאַליזם״ — איז דערשינען, האָבן שוין די באַדייטנדסטע יידישע שריפטשטעלער און דענקער אָנערקענט דאָס בוך אַלס „דאָס ערשטע אָריגינעל סאָציאַל-פילאָזאָפיש ווערק אין יידיש״ — א ווערק, אין וועלכן עס ווערן פאָרמולירט גרונטלאַגן פאַר א „נייע סאָציאַל-פילאָזאָפיע״.

דאָס, וואָס אונזערע האָפנונגען און דערוואַרטונגען בנוגע דעם ווערק „ניי סאָציאַ-ליזם״ זענען מקוים געוואָרן פולע הונדערט פּראָצענט, נאָך מיט א פּלוס, גיט אונז מוט צו גלויבן, אז עס וועלן אויך מקוים ווערן אונזערע וואונטשן און האָפנונגען וועגן דעם, אז די נייע סאָציאַל-פילאָזאָפיע — דער ניי סאָציאַליזם — וועט גאָר אין גיכן אָנצינדן די הערצער פון די גרויסע מאַסן, און אויף אַזאַ אופן וועט זיך פאַנאַנדערפלאַקערן א ניי סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

די דאָזיקע מאַסן אָבער, מיט זייער בעסטן ווילן, אפשר, וועלן ניט קאָנען דורכגיין א ווערק פון צוועלף בענדער, וואָס יעדער באַנד איז פון פיר ביז פינף הונדערט זייטן גרויס. און וויפל מי זיי זאָלן זיך ניט נעמען, וועלן זיי אפשר ניט קאָנען באַנעמען די

אלערליי פילאָזאָפישע און וויסנשאפטלעכע ספעקולאציעס, וואָס ווערן דאָרט געבראכט אויף צו באפעסטיקן די גרונטלאַגן פון דעם ניי סאָציאליזם.

דער פארלאג האָט דארום באשלאָסן צו דרוקן א סעריע בראָשורן פון וו. נאטאנסאָן, אין וועלכע דער מחבר פון ניי סאָציאליזם וועט איבערגעבן די עסענצן פון די גרויסע בעצ־דער פון דעם ווערק „ניי סאָציאליזם”.

אין דער דאָזיקער בראָשור — די ערשטע פון דער סעריע — ווערט איבערגעגעבן די־תמצית פון בוך „קולטור און ציוויליזאציע”.

די טיפקייט, ערנסקייט און פילזייטיגקייט, מיט וועלכע די קריטיק האָט זיך באצויגן צום בוך „קולטור און ציוויליזאציע” דערלויבט, נאטירלעך, ניט צו ענטפערן אויף איר מיט א פאָר זייטלעך.

פיל אויפמערקזאמקייט וועט געשענקט ווערן דער קריטיק אין די ווייטערדיקע בענ־דער, און אין ספעציעלע ארטיקלען, וואָס וועלן פון צייט צו צייט זיך דרוקן אין דער יידי־שער פּרעסע.

שוין אין דער דאָזיקער בראָשור, אָבער, וועט דער לעזער געפינען א פאָר צענדליק־ביישע זיינלעך, וועלכע זענען געשריבן געוואָרן, אין זין האָבנדיק אייניקע באמערקונגען פון דער קריטיק, און דאָ און דאָרט אָפּשטעלנדיק זיך אויך דירעקט אויף דער קריטיק.

יעקב באבינסקי

# ערשטער טייל

## קולטור איז געגנזאץ צו ציוויליזאציע

# 1

ציוויליזאציע אונטערשיידט זיך פון קולטור דערמיט, וואָס זי שטעלט די טראָפּ אויף דאָס מענטשלעכע, אָנשטאָט דאָס איבערמענטשלעכע, אויף דאָס ערדישע, אָנשטאָט דאָס הימלישע, אויף דאָס פּראקטישע, אָנשטאָט דאָס ספּעקולאטיווע. ציוויליזאציע איז פאראינטערעסירט אין דער גשמיותדיקער געשטאַלט פון דעם וועלט-אל. קולטור שטרעבט צו פאראייניקן זיך מיט דער רוחניותדיקער און ממשותלאָזער געשטאַלט פון דער מהות פון דעם וועלט-אל.

די צווייטע העלפט פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט צייכנט זיך אויס, אין קעגנזאץ צו דער ערשטער העלפט פון דעם זעלבן יאָרהונדערט דערמיט, וואָס אין איר האָט די ציוויליזאציע, און נישט די קולטור, געשפילט די גרעסטע און שטארקסטע ראָלע. זי, די ציוויליזאציע, האָט אין די יאָרן, אומגעפער, פון 1850 ביז 1900 כמעט אומגעשטערט געוועלטיקט איבער דער נשמה און איבער דעם גייסט, איבער דאָס הארץ און איבער דעם מוח פון דער מענטשהייט. דאָס איז געווען די תקופה, ווען דער מענטש האָט זיך אריינגעלאָזט אין דער זוכעניש פון וואוילזיין, מיינענדיק, אז דאָרט וועט ער זיין גליק געפינען.

אלע אנטדעקונגען און ערפינדונגען פון דער, מיט ריזיקע שריט מארשירנדער וויסנשאפט, האָבן אויסגעזען דעם מענטשן צו זיין נישט מער ווי א מיטל צו פארגרעסערן די באקוועמלעכקייטן פון זיין לעבן אויף דער וועלט, און אויף צו געבן דעם דאָזיקן ערדישן און אויסנווייניקסטן לעבן מער פּראכט און גלאנץ.

דער גרויסער זיג פון דעם מענטשן איבער דער גרויסער און ברייטער וועלט, וואָס רינגעלט אים ארום; די פילע טריאומפן איבער דער אומבאלעבטער נאטור, וואָס האָבן געפירט דערצו, אז זי, וועלכע איז געווען שטום-שוויגנד פאר טויזנטער יאָרן, זאָל אָנהויבן צו רעדן און אנטפלעקן פילע און פילע פון אירע סודות; די אלע ביז איצטיקע אומגעהערטע ערפאָלגן אויף די געביטן, דערהויפט פון די מאטעמאטיש-פיזישע וויסנשאפטן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן דער עיקר מיט דער גרויסער וועלט, וואָס שטייט אויסנוועניק פון דעם מענטשן, האָבן אים געטריבן ווייט ארויס פון דער אינוועניקסטער וועלט. זיי האָבן אים כמעט אינגאנצן אוועקגענומען פון זיין אייגענעם זעלבסט. פרעמד האָט אים אָנגעהויבן ווערן זיין אייגענע וועלט, וואָס ציט זיך אין דער טיף, און ווייס קוים פון א לענג אָדער פון א ברייט. די וועלט, וואָס אלץ וואָס איז ווערטפול, אלץ וואָס דויערט אומענדלעך, אלץ וואָס מאכט מעגלעך טיפע און איינדרוקספולע איבערלעבונגען, איז אין איר געווען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, — די דאָזיקע וועלט, איז אונטערגעוואָרפן געוואָרן צו א וועלט, וואָס אין איר שפילט די הויפט-ראָלע דאָס ניצלעכע, דאָס פארבייגייענדע און אלץ דאָס, וואָס גיט פארגעניגן און וואוילטאָג. בלינד איז דער מענטש געוואָרן צו אלץ, וואָס גיט דעם לעבן אן אינוועניטסטע שענקייט און הערליכקייט, און עפנט פאר אים אן אומדערשעפלעכן קוואל פון אמתער נשמה-פרייד.

דער ניינצנטער יאָרהונדערט, מיט אלע זיינע גראנדיעזע און וואונדערבארע אויפטואונגען אויף א סך פון די געביטן פון מענטשלעכער טעטיגקייט, קאָן זיך ניט בארימען מיט א סך אויפטואונגען אויף דעם *קולטורעלן* געביט. דער ניינצנטער יאָרהונדערט, און הויפטזאכלעך אין זיין צווייטער העלפט, האָט קיין זאך ניט פראָדוצירט, וואָס זאָל פון דאָס ניי אָפּפרישן דעם מענטשנס נשמה, און וואָס זאָל, ווי דורך א כשוף, א הויב טאָן דעם מענטשנס גייסט אין די אומענדלעכע הימלען אריין, און מאכן, דורך דעם, דעם מענטשן צו דערפילן א געוויסע שייכות צווישן אים און דער וועלט איבער אים, ווי דאָס האָט געטאָן, למשל, שפינאָזא אינם זיבעצנטן יאָרהונדערט, און קאנט, פיכטע און העגעל אין ענדע

פון אכטצנטן און אין אָנהויב פונם ניינצנטן יאָרהונדערט. די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָט די מענטשהייט אוועקגעגעבן כמעט אינגאנצן איר ענערגיע דער וועלט, וואָס איז אויסנוועניק פון דעם מענטשן. איר גאנצע אויפגאבע און איר העכסטער ציל איז געוואָרן צו באזיגן די דרויסנדיקע וועלט, כדי ארויסצובאקומען פון איר אלץ, וואָס קאָן העלפן צו מאכן דעם מענטשנס לעבן *אָנגענעמער*, *באקוועמער* און *צופרידענער*. דערהויפט, אויב ניט דער איינציקער ציל פון די טאָנגעבער פון דער לעצטער עפּאָכע איז געווען, צו באהערשן און צו עקספלואטירן די אויסנוועניקסטע וועלט, כדי צו פארגרעסערן די נוצן, וואָס דער מענטש קאָן ציען פון דער דאָזיקער וועלט, אָדער פון דער נאטור. און אין דער דאָזיקער תקופה האט ווירקלעך געשטייגט די ציוויליזאציע מיט אירע ממשותדיקע רעזולטאטן און עפעקטיווע נוצן. דער סכום פון וויסן און פון דערקענען אלץ נייערע און נייערע זאכן פון געגנשטאנדן האָט געוואקסן אָן אן אויפהער. און, היות ווי אין דער וואוקס פון דער ציוויליזאציע האָט דער אינטעלעקט פון דעם מענטשן געשפילט די גרעסטע ראָל, האָט טאקע דער ניינצנטער יאָרהונדערט געלעגט זיין גאנץ געוויכט אויף דער אינטעלעקטועלער, שכלדיקער זייט פונם מענטשלעכן גייסט, ערווארטנדיק, אז מיט דעם ריינעם שכל, מיט דער קלאָרער לאָגיק וועט דער מענטש מיט דער צייט קאָנען אלץ דערזען, און אויף א לאָגיש-מאטעמאטישן אופן אלץ אויסרעכענען.

דער מענטש איז א וועזן אין וועמען עס האָבן אלע מאָל געקעמפט פאר דער איבערהאנט און פאר דער דאָמינירנדער ראָל צוויי שטרעבונגען: די שטרעבונג צו פאבריצירן זאכן, וואָס זאָלן מאכן דאָס לעבן מער באקוועם, און די שטרעבונג צו דערגיין דעם זין און תכלית פון דעם לעבן.

— אדאנק דער ערשטער שטרעבונג האָט ער באקומען דעם טיטל *האָמאָ פאבער*—דער מענטש פון דער מעכאניק, און אדאנק דער צווייטער שטרעבונג איז ער געקרוינט געוואָרן מיט דעם נאָמען *האָמאָ סאפיענס*—דער מענטש פון דער פארנונפט. און צו יעדער צייט, ווען די שטרעבונג פון דעם מענטשן, דורך אלערליי דערפינדונגען ברייטער און

באקוועמלעכער צו מאכן זיין לעבן, האט זיך געשטארקט אויף דעם חשבון פון דער שטרעבונג דורך אלערליי אנטפלעקונגען פון דער נאטור און וועלט-אל סודות צו פארטיפן און גייסטיק צו פארשענערן דאָס לעבן, צו יעדער צייט, ווען דער מענטש האָט אָנגעווענדט דאָס גאנצע אָדער גרע-סטען טייל פון זיין קלוגשאפט און וויזהייט אויף די דערפינדונגען פון געצייג און מאשינעריי, אויף דער ארויסברענגונג פון וועגן און מיטלען, וואָס זאָלן צוגעבן מער אויסערלעכן פראכט און גלאנץ זיין לעבן,—קורץ, צו יעדער צייט, ווען די פאבריקאציע אָדער ציוויליזאציע האָט גענומען די אויבערהאנט איבער דער „סאפיענציע” אָדער קולטור, איז דער מענטש געוואָרן ליידיק און אינהאלטסלאָז און גייסטיק דעגראדירט.

אין יעדער תקופה פון דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס אין איר איז דאָס נאָר מענטשלעכע באטאָנט געוואָרן, האָט דאָס נאטור-וויסן און די ציוויליזאציע געוואונען אין פראָמינענץ, ווייל ביידע דינען זיי דער פראקטישער זייט פון לעבן, דער זייט, וואָס געפינט איר אויסדרוק אין דעם באגריף פון נוצלעכקייט. דאָס איז די פאָרם פון לעבן, וואָס איר האָט די וויסנשאפט אוועקגעשענקט די שטארקסטע אויפמערקזאמקייט, און געדינט איר מיט אן אומבאשרייבלעכער טרייהייט.

הויבט אָבער אָן אין א געוויסער עפּאָכע דאָס איבערמענטשלעכע, דאָס הויל רוחניותדיקע צו דאָמינירן, הויבט נאָר אָן גרעסער ווערן די צאָל מענטשן, וואָס אין זייער הארץ געפינט אן אָפּקלאנג דער מיסטישער קול דממה דקה, וואָס לאָזט זיך הערן פון דער טיפסטער טיפעניש אין דער נשמה פון די גאוני הדור, יעמאָלט פארנעמט דעם אויבן-אָן די נשמה-גריבלעריי און די קולטור. די טראָפּ ווערט דעמאָלט געשטעלט אויף דער ספעקולאטיווער זייט פון לעבן, וועלכע לעגט דאָס גאנצע געוויכט אויף דאָס ווערטפולע.

און דאָס ווערטפולע שטייט אין א זייער גרויסן קאָנטראסט צום נוצפולן. זאכן און פאסירונגען, וואָס ווייזן זיך ארויס לגמרי נוצלאָז פאר דער פראקטישער זייט פון לעבן, וועלכע איז אויבנאויפיק און באַ-גרענעצט, קאָנען דאָך זיין פון א ניט אָפּצושעצנדן ווערט פאר דער ספּע-קולאטיווער זייט, וועלכע איז טיף און אומענדלעך.

נישט צוליב די נוצן, למשל, וואָס די תּפיסה האָט אים געבראַכט, האָט אָסקאַר ווײַלד געדאַנקט דעם רבונו של עולם דערפאַר, וואָס די געזעלשאַפט האָט אים אַהין אַרײַנגעוואָרפן. זײַן לויב-געזאַנג צו גאָט און זײַן באַטראַכטן די תּפיסה אַלס אַ חסד פון אים, האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די תּפיסה און די אַלע יסורים און מאַטערנישן, וואָס זענען אים באַפאַלן אין גאַנצע „באַטאַליאָנען" פאַר דער תּפיסה און אין דער תּפיסה, האָבן געפירט אים צו אַן אַנטפּלעקונג פון נײַע ווערטן אין לעבן, וואָס דורך זיי האָט בײַ אים דאָס לעבן אַ שפּאָגל נײַעם זין באַקומען. די נײַע ווערטן אין לעבן האָבן געוויזן דאָס לעבן אין אַ נײַער געשטאַלט.

און נאָר די מענטשלעכע טעטיגקייט, וואָס צילט הויפּטזאַכלעך געוואויר צו ווערן דעם זין און דאָס ווערט פון לעבן, די תּמצית און תּכלית פון דעם וועלט-אַל, קאָן זיך באמת רופן קולטור.

די הויפּט צווײַגן פון דער קולטור זענען פילאָזאָפיע, רעליגיע און קונסט.

גראָד די דאָזיקע דרײַ צווײַגן זענען אינם נײַנצנטן יאָרהונדערט פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, און די ערשטע צוויי האָבן שוין אָנגעהויבן כמעט ווי פאַרוועלקט צו ווערן. זײַער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט זענען די פאָלגענדע ווערטער, וואָס אין זיי האָט אויסגעגאָסן זײַן צאָרן אויף דער פילאָזאָפיע דער גרויסער פּאַטאָלאָג ווירכאָוו. „דו, פילאָזאָפיע", זאָגט ער, „ביזט געווען מײַן שונא, פון וועלכן איך בין גליקליכערווײַזע נצול געוואָרן, מחמת דו האָסט מיך אָנגערעדט צו ספּעקולאַציעס פול מיט חלומות. אָן דיר אָבער האָב איך מיך אויסגעלערנט געטרײַ צו קוקן דורך מײַן מיקראָסקאָפּ אויף די פאַקטן ווי זיי זענען".

אַזאַ בליק אויף דער פילאָזאָפיע איז געווען שטאַרק אין וועג דעם קולטור שטראָם. אַזאַ בליק האָט מיט דער קראַפט פון אַ שטורם-ווינט אָוועקגעריסן דעם מענטשן פון אַלע אייביקע ווערטן, דעם מאָראַלן ווערט — דעם העכסטן און אַבסאָלוטסטן ווערט אין דער וועלט — אַרײַנגערעכנט. די פראַגע: „וויפל ווערט עס געבן מײַן צײַטווײַליקן לעבן?" איז געוואָרן פאַר אים אַ סך וויכטיקער איידער די פראַגע: „וויפל איז

עס ווערט פאר מיין זיין אין דער אייביגקייט?" דער דאָזיקער בליק האָט צעשטערט, אין די אויגן פון דעם מענטשן, יעדעס ברעקל זעלבסט-שטענדיקן ווערט, וואָס מיט אים איז פול דאָס לעבן פון דעם, ווער עס זעט אין דער זעלבסטשטענדיגקייט פון גייסט דעם תכלית פון אלץ אין דער וועלט. דאָס איז א זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס לאָזט דעם גייסט ווירקן אויף אלץ, און ווערן געווירקט פון אלץ, וואָס ליגט אין אים, אָבער ניט אויסענווייניק פון אים.

ווער עס גלויבט ניט אין דער זעלבסטשטענדיגקייט פון גייסט, קאָן ניט גלויבן אין זיין אייגענער זעלבסשטענדיגקייט, און ער מוז אויף אזא אופן אין אלע זיינע אויפפירונגען, אין זיינע איבערלעבונגען, אין אלע זיינע פריידן און ליידן, אָפּהענגען פון אלץ אין דער וועלט, נאָר ניט פון זיך אליין. און וואו דער זעלבסטשטענדיקער „איך" אָדער טיפער „זעלבסט" איז ניט דער מקור פון אן איבערלעבונג, ברענגט זי, די דאָזיקע איבערלעבונג, אלץ, נאָר ניט קיין גליקזעליגקייט, און זי קאָן צו אלץ פירן, נאָר ניט צו א העכערן טיפ מענטש, דען מיט דער פארלייקענונג פון דעם גייסטס זעלבסשטענדיגקייט, ווערט אוועקגענומען יעדעס ברעקעלע לאָגישער גרונט פאר א באשטרעב צו זיין א העכע-רער און א בעסערער מענטש. די אָנשטרענגונג ארויסצולעזן דאָס הע-כערע פון דעם נידריקן און צו געפינען א מאטעריעל-ממשותדיקן אויס-דרוק פאר אלץ, וואָס גייט אונטער דעם נאָמען גייסט, האָט געמוזט גיין האנט אין האנט מיט דער אָנשטרענגונג אויסצוטייטשן, אויף אן אוטיליטאריסטישן אופן, אלע באגריפן פון העכער, שענער און בעסער, און דערמיט האָט די פראגע: וויפל איז אין תוך גענומען די זאך ווערט, געמוזט ביסלעכווייז רעדוצירט ווערן צו דער פראגע: וויפל קאָן די זאך געבן אין די קוואנטאטיווע טערמינען פון וואָג און מאָס.

און מער פון אלע ווערטן האָט פון דער דאָזיקער רעדוצירונג פון קוואליטעט צו קוואנטיטעט, געמוזט ליידן — און האָט טאקע גע-ליטן—די מאָראל-ווערט, דען זי איז פון אלע ווערטן די ריינסטע פון קוואנטיטעט, זי איז פון אלע ווערטן די טיפסטע אין קוואליטעט, זי איז פון אלע ווערטן די ווייטסטע פון יעדן מין געקינצלקייט, זי, מער

פון אלע ווערטן, קאָן אויסקומען מיט א מינימום פון אויסערלעכקייט, זי, מער פאר אלע ווערטן, קאָן, אין איין הרף עין, געבן און וועקנעמען אן אייביגקייט פון גליק און גליקזעליגקייט, און דעריבער קאָן זי מער פאר אלע אנדערע ווערטן אידענטיפיצירט ווערן מיט דעם אויסדרוק נשמה. און ווען די נשמה איז אין גלות, מוז די גאנצע וועלט זיין אין קנעכטשאפט, מעגן מיר זיך ווי אָנשטרענגען זי צו באַפרייען.

„וואָס וועט ארויסקומען דעם מענטשן", פרעגט סאנטיאנא, „ווען ער וועט באפרייען די וועלט, אויב זיין נשמה איז ניט פריי? מאָראַלישע פרייהייט איז ניט קיין קינסטליכער באדינג, דען דער אידעאל איז דער מאמע-לשון פון ביידע, אי פון דעם הארצן, אי פון די חושים. אלץ וואָס פאָדערט זיך איז, אז מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן און לעבן, בכדי הנאה צו האָבן פון לעבן, און צו דערהויבן אונזערע הערצער צו זאכן, וועלכע זענען ריינע גוטסקייט אין זיך גופא, אזוי, אז זיי צו געפינען און ליב צו האָבן זאָל פארשאפן אזא גליק, וואָס זאָל ניט קאָנען פארפינסטערט און פארטונקלט ווערן פון קיין געשעעניש אין דער וועלט".

פון אזא ליבע צו ריינער גוטסקייט, וואָס ליגט פארבאהאלטן אין יעדן קנייטשעלע און שפּעלטעלע פון זאכן, אויף וויפל זיי זענען אן אויסדרוק פון און דורך דער גייסטיקער רעאליטעט, פון אזא גליקזעליגקייט, וואָס אין איר זאָל מען ניט קאָנען אָפּטיילן דעם נחת-רוח פון דעם עצמת - נפש, וואָס זאָל זיין א מין צונויפגוס - פונקט פון אלע ליידן און פריידן, און וואָס זאל גענערט ווערן פון אינוועניק, און זאָל זיין פולשטענדיק פריי אין איר אבסאָלוטער אומאפהעניגקייט פון אלץ, וואָס ליגט אויסערוועניק פון דעם זעלבסט; פון אזא ליבע, פון אזא גליקזעליגקייט און פון אזא מאָראַלער אומאפהעניגקייט, האָט די צווייטע העלפט פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט ניט געוואוסט. זי האָט געוואָלט די גאנצע אינערלעכקייט אויסבייטן אויף אויסערלעכקייטן און צוריקפירן אלץ, וואָס מיר באצייכענען מיט דעם וואָרט נשמה, צו עפּעס, וואָס קאָן אויף א וואָגשאָל געלעגט ווערן. און וואָס מער דער

מענטש איז אין דער אויסערלעכקייט געצויגן געוואָרן, און וואָס מער די ק וואליטאטיווע גאנצקייט פון דער נשמה האָט אָנגעהויבן קוואנטיטאטיוו צעברעקלט ווערן, אלץ מער האָט דער מענטש זיך אָנגעהויבן רעכענען מיט נוצן, אַנשטאָט ווערטן, און די צוגעפאסטקייט, אָנשטאָט זיטלעכקייט, איז געוואָרן דער אידעאל פאר זיין אויפפירונג.

„די גאנצע מענטשלעכע וועלט", זאָגט טאגאָר, „אין איר גאנצער לענג און ברייט, האָט געפילט דעם גראוויטאציאָנס-צי פון דעם גיגאנטישן פלאנעט פון זשעדניקייט, מיט די קאָנצענטרישע רינגען פון די אָן א שיעור נעבן פלאנעטן, וואָס האָבן פאראורזאכט אין אונזער געזעלשאפט א מערקבארע אָפווייכונג פון דעם מאָראלן קרייז-וועג. אין פריערדיקע צייטן האָבן די אינטעלעקטועלע און גייסטיקע כחות פון דער ערד געהאלטן הויך זייער ווירדע פון אומאפהענגיקייט, און זיי האָבן זיך ניט געוויגט מיט א שווינדל אין קאָפּ איבער די צופלוסן און אָפפלוסן פון דעם געלט-מארק".

פארלאָזן איז די מאָראל געוואָרן אין דער צייט, ווען דער מאטעריאליזם און די ציוויליזאציע האָבן געהערשט. די אומאפהענגיקייט האָט געמוזט פארלוירן גיין, פארשוואונדן האָט געמוזט ווערן דער זין און ווערט פון דעם מענטשלעכן לעבן, און מיט זיי יעדע אָנרעגונג צו טרייבן דעם לעבן אין דער הויך און אין דער טיף, אַנשטאַט אין דער ברייט און אין דער לענג.

און אין זיין גאנצער לענג און ברייט האָט דער מאטעריאליזם באהערשט דעם מענטשלעכן דענקען אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט.

די מאטעריאליסטישע אָנשויאונג זעט אין דעם הויכן און קאָמפליצירטן אויסדרוק פון דער וועלט אן ארויסוויקלונג פון עפעס, וואָס איז נידעריקער און איינפאכער. זי קאָן דעריבער ניט שטעלן דעם מענטשן, וועלכער איז, ווי זי נעמט אָן, דער העכסטער און פילפאכסטער אויסדרוק פון אלץ, וואָס איז פאראן אין דער וועלט, אזעלכע צילן און צוועקן, אידעען און אידעאלן, וואָס זאָלן גרייכן ווייט איבער דעם מענטשן.

דער מאטעריאליזם וואָס וויל, און וואָס האָט פאר א קורצער צייט ווירקלעך געהאָפט, אז ער וועט קאָנען רעדוצירן דאָס דענקען און דאָס פילן, דאָס גייסטיקע און דאָס נשמהדיקע, דאָס אוממממשותדיקע און אומגעשטאלטעטע צו עפּעס אזעלכעס, וואָס דענקט ניט און פילט ניט, צו עפּעס אזעלכעס, וואָס איז ממשותדיק און קאָנקרעט און האָט א פאָרם און א געשטאלט און וואָס האָט געשטרעבט צו פארוואנדלען אלץ, וואָס האָט קוואליטעט, אין עפּעס, וואָס באזיצט בלויז קוואנטיטעט, האָט אנדערש ניט געקאָנט, ווי זען אין דעם גוף, אין דעם אויסגעצייכנטן מאטעריאל פאר דער לאבּאָראטאָריע, דעם קוואל און דעם מקור פון דער נשמה, וועלכע לאָזט זיך בשום אופן ניט אריינלעגן אין וועלכן עס איז שמעלצטיגל. קיין זאך האָט ניט באוועגט דעם מאטעריאליזם צו דערבליקן דעם אָפּגרונט, וואָס טיילט אָפּ דעם פארגעניגן און גליק, וואָס די צופרידנשטעלונגען פון די קערפּערלעכע תאוות גיבּן דעם מענטשן, פון דער נחת־רוח און דער גליקזעליגקייט, וואָס די איבּערלעבּונגען פון דער נשמה פארשאפן אים.

און דאָרט, וואו דאָס סאמע העכסטע איז ניט מער ווי אן אנטוויקלונגס-גראד פון דעם נידריקן, דאָרט וואו דאָס הימלישע ווערט ניט באטראכט אלס עפּעס, וואָס איז, אין זיין תוך און תמצית, לגמרי אנדערש פון דעם ערדישן, דאָרט קאָנען ניט די העכסטע באשטרעבּונגען און טיפע באגערן פון דעם מענטשן אוועקטראָגן אים אזוי הויך און ווייט אין די הויכע וועלטן, אז ער זאל זיך אינגאנצן אָן דער ערד פארגעסן. אונטער דעם בליק פון מאטעריאליזם קאָן דאָס העכסטע זיך ניט אָפּשיידן אזוי ווייט פון דעם נידריקסטן, אז עס זאָל צווישן זיי אן אָפּגרונט געשאפן ווערן, און דאָס נידריקע קאָן קיין מאָל ניט, ווי אונטער דעם בליק פון אידעאליזם, באטראכט ווערן אלס א פונק פון דעם העכסטן. די ספּעקולאציעס איבּער גאָט, מענטש און וועלט פון דעם יעניקן, וואָס שטייט אויף דעם שטאנדפּונקט פון מאטעריאליזם, קאָנען קיין מאָל ניט זיין פון אזא הויכן און ברייטן שוואונג, אז ער זאָל פון זיין אויג ארויסלאָזן דאָס פּראקטישע און דאָס וועלטלעכע, און ער זאָל בלויז אין זינען האָבּן דאָס איבּערמענטשלעכע און דאָס געטלעכע.

עס איז דעריבער גאנץ באגרייפלעך, פארוואָס די ראָלע, וואָס די ציוויליזאציע האָט געשפּילט אין קעגנזאץ צו דער קולטור, איז געווען אם גרעסטן און אם מעכטיקסטן אין יענער צייט, ווען די ווירקונג און דער איינפלוס פון דעם מאטעריאליזם איז געווען אם שטארקסטן און אם ברייטסטן. און וואָס ברייטער דער מאטעריאליזם האָט ערגעץ וואו זיך פאנאנדערגעשפּרייט, אלץ מער איז די קולטור איינגעשלונגען געוואָרן פון דער ציוויליזאציע.

אין דער צייט, ווען דער מאטעריאליזם איז געוואָרן כמעט אל־הערשנד אין גאנץ אייראָפּע, אין דער צייט, ווען אלע וויסנשאפטן האָבן אָנגעהויבן צו פארצייכענען איין זיג נאָך דעם אנדערן איבער דער גרויסער אומוויסנהייט, וואָס האָט געהערשט בנוגע דער נאטור און אלע אירע ערשיינונגען, אין דער צייט, ווען עס האָט זיך דעם מענטשן, וועלכער איז פשוט פארשכורט געוואָרן פון די דאָזיקע נצחונות, אנגעהויבן חלומען, אז באלד, באלד און די נאטור וועט ליגן פאר אים ווי אן אָפן בוך און זיך בעטן, אז מען זאָל זי לעזן—אָט אין דער צייט איז געקומען אויף דער וועלט דער מארקסיסטישער סאָציאליזם.

דער מארקסיזם האָט ארייגעפלאָכטן אין דער סאָציאָלאָגיע און אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אין די לערן, וואָס שטודירן דעם טייל פון דער נאטור, וואָס הייסט—מענטש, די מאטעריאליסטישע וועלטאָנשויאונג, אזוי, אז דער מאטעריאליזם, אין דער געשטאלט פון עקאָנאָמישן דעטערמעניזם, איז געוואָרן דער סינע קווא נאָן, דער עפּעס, וואָס אָן אים, קאָן ניט געמאָלט זיין דער סאָציאליזם, ווי קארל מארקס און ענגעלס האָבן אים פאָרמולירט און ארויסגעבראכט.

דער מארקסיזם ווערט היינט צו טאג פארשיידן פארשטאנען און אויף אלערליי אופנים אויסגעטייטשט פון די פארשיידענע פירער און טעאָרעטיקער פון דער סאָציאליסטישער באוועגונג. זיי אלע אָבער זענען, כל־זמן זיי רופן זיך מארקסיסטן, אייניק צווישן זיך אויף אזוי ווייט ווי עס געהערט זיך אָן דער פילאָזאָפישער גרונטלאגע פון דעם מארקסיזם; ד. ה., אויף אזוי ווייט ווי עס געהערט זיך אָן דער מאטעריאליסטישער וועלטאָנשויאונג, אין קעגנזאץ צו דער אידעאליסטישער. און נאָך שטאר־

קער איז זייער אייניגקייט דאָרט, וואו עס האנדלט זיך וועגן דעם היסטאָרישן מאטעריאליזם, וועגן דעם מאטעריאליזם, וואָס וויל זען אין די מיטלען פון פראָדוקציע און אין די עקאנאָמיש-געזעלשאפטלעכע שייכותן בכלל, דעם הויפט-פאקטאָר פון דער מענטשלעכער אנטוויקלונג.

דער היסטאָרישער מאטעריאליזם, אזוי גוט, אויב נאָך ניט מער, איידער דער פילאָזאָפישער מאטעריאליזם, באשטייט עקשנותדיק אויף דער מעגלעכקייט צו רעדוצירן און שטופנווייז צוריקצוברענגען דאס העכסטע צו דעם נידעריקסטן, דאס גייסטיקע צו דעם מאטעריעלן, דאס לעבנספולע צו דעם לעבנסלאזן, דאס ווערטפולע צו דעם נוצפולן.

ענגעלס אין זיין בוך „אוטאָפישער און וויסנשאפטלעכער סאָציאליזם” שרייבט: „די לעצטע אורזאכע פון אלע געזעלשאפטלעכע פארענדערונגען און פאָליטישע רעוואָלוציעס דארפן געזוכט ווערן ניט אין דעם מענטשנס מארך, ניט אין זיין שארפן ארייגבליק אין דער אייביקער ווארהייט און גערעכטיגקייט, נאָר אין פארענדערונגען פון פראָדוקציע און אויסבייט. זיי דארפן געזוכט ווערן ניט אין דער פילאָזאָפיע, נאָר אין דער עקאָנאָמיק פון יעדער באזונדער עפּאָכע”.

און אין דעם „קאָמוניסטישן מאניפעסט” האָבן ביידע, אי מארקס אי ענגעלס, בפירוש געזאָגט, אז מע באדארף ניט קיין טיפע אינטואיציעס אויף צו פארשטיין, אז דעם מענטשנס געדאנקען, מיינונגען און באגריפן, מיט איין וואָרט, דעם מענטשנס באוואוסטזיין, ענדערט זיך מיט יעדן בייט אין די תנאים פון זיין מאטעריעלער עקזיסטענץ, פון זיינע געזעלשאפטלעכע שייכותן און פון זיין געזעלשאפטלעכן לעבן.

עס קאָן זיין, אז טאקע דערפאר וואָס די גרויסע דענקער, וואָס זענען געקומען אויף דער וועלט זינט דער קאָמוניסטישער מאניפעסט איז געשריבן געוואָרן, און זענען יאָ געווען באגאבט מיט גרויסע אינטואיציעס, האָבן זיי אינגאנצן ניט ערנסט גענומען די פילאָזאָפישע גרונטלאגע פון דעם מארקסיסטישן סאָציאליזם און געשענקט קנאפע אויפמערקזאמקייט צו דעם מאטעריאליזם בכלל.

אין אמתן גערעדט, איז דער מאטעריאליזם, אלס א פילאָזאָפישער בליק אויף דער וועלט, קיין מאָל ניט געווען קיין פּראָדוקט פון

דער פילאָזאָפיע. ער איז געבוירן געוואָרן אויף דער שויס פון דער נאטור-וויסנשאפט, און ער האָט פאר א לענגערע צייט געדינט אלס אן אויסגעצייכנטע שטויס-קראפט פאר די אלע פאָרשונגען און אונטערזוכונגען, וועלכע האָבן זיך באצויגן אויף פראגן, וואָס האָבן געקאָנט, פריער אָדער שפעטער, אויף אן עקספערימענטאלן אופן, פאָזיטיוו פארענטפערט ווערן. אזוי שנעל אָבער ווי די פילאָזאָפיע, וואָס שטעלט זיך אָפּ דער עיקר אויף די פראגן, וואָס גייען ארויס פון די גרענעצן פון פאָזיטיוויטעט און זינלעכער ערפארונג, האָט געוואָרפן אירע דערקענטעניש טעאָרעטישע שטראלן אויף דעם מאטעריאליזם, איז ער ווי אייז פון זונענשטראלן צעגאנגען געוואָרן.

ניט קיין בעסערן אָפּשניט ווי דער פילאָזאָפישער מאטעריאליזם קאָן האָבן דער היסטאָרישער מאטעריאליזם פון דער פילאָזאָפיע. מחמת ביידע זענען זיי קינדער, וואָס זענען פון איינעם און דעם זעלבן שורש ארויסגעקומען, ביידע זענען זיי פראָדוקטן פון איינער און דער זעלבער ווענדונג פון געדאנק, פועל יוצאס פון איינער און דערזעלבער קוואליטעט פון מענטשלעכן טעמפעראמענט. ניט געקוקט דעריבער דערויף, וואָס דער מארקסיזם, כדי פעסטצושטעלן זיין היסטאָרישן מאטעריאליזם, האָט זיך אָנגעשטרענגט ביז גאָר כדי מבטל צו מאכן אלע אידעאליסטישע פילאָזאָפן פון פלאטאָ ביז העגעל, און העגעלען אליין איבערקערן מיט דעם קאָפּ אראָפּ און די פיס ארויף, גייען פונדעסטוועגן אלע גרויסע פילאָזאָפן פון דער לעצטער צייט, מער און מער אין די וועגן פון פלאטאָ, אריסטאָטעל, דעקארט, שפינאָזא, קאנט און העגעל.

זיי אלע—פילאָזאָפן ווי בערגסאָן, וואונט, אויקען, דזשיימס, רויס, דיואי, מאך, אווענאריאוס, הארטמאן, שאָפּנהויער, ניטשע, מינסטערבערג, ספענסער און ברעדלי—וועלכע גייען זיך פאנאנדער אין צענדליקער פארשיידענע ריכטונגען, און יעדע ריכטונג אין צענדליקער פארשיידענע בליקן אויף די שייכותן צווישן וועלט, גאָט און מענטש, גייען זיך אָבער אלע ווי איינער צונויף אין זייער נעגאטיווער שטעלונג צום מאטעריאליזם, אין זייער שארפער קריטיק אויף דעם מאטעריאליזם,

ווי ער איז פאָרמולירט געוואָרן פון פיל נאטור-פאָרשער, און ווי ער איז, אין זיין היסטאָריש מאטעריאליסטישער געשטאלט, אָנגעווענדעט געוואָרן אויף דער כלומרשט שטרענג וויסנשאפטלעכער באגרינדונג פון דעם סאָציאליזם.

שוין דאָס אליין, וואָס די נייסטע פילאָזאָפיע, נאָכדעם ווי זי איז דורכגעדרונגען און אָנגעזאפט געוואָרן מיט אט די אלע וויסנשאפטלעכע ספעקולאציעס פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן אָן וועלכן עס איז ריקזיכט געטריבן צו דער באפעסטיקונג פון דער מאטעריאליסטישער וועלטאָנשויאונג; שוין דאָס אליין, וואָס די נייסטע פילאָזאָפיע, נאָכדעם ווי זי האָט זיך, אויף דעם אינטימסטן אופן, באקאנט מיט אלע אָנשטרענגונגען פון דער טריאומפירנדער וויסנשאפט צו פארטרייבן דעם באגריף פון גייסט אלס די ערשטע אורזאך און לעצטע ציל פון אלע וועלט געשעענישן; שוין דאָס אליין, וואָס נאָך א שטילשווייגן פון עטלעכע צענדליק יאָר, אויס גרויס אכטונג פאר די ריזיקע ערפאָלגן פון דער וויסנשאפט, האָט די פילאָזאָפיע פון דאָסניי אָנגעהויבן רעדן און רעדן, ווידער און אָבער אמאָל, אויף ווי ווייט עס האנדלט זיך וועגן דעם מאטעריאליזם, אין דער זעלבער שפראך, וואָס אין איר האָבן גערעדט די טיפסטע פילאָזאָפן פון גאָר, גאָר אמאָליקע צייטן, — שוין דאָס אליין, זאָגן מיר, וואָלט געדארפט, ווען מיר זאָלן האָבן א באדייטנדן צאָל פון ערנסט דענקענדע מענטשן צווישן דעם ראדיקאלן עולם, מאכן אים, לכל הפחות, זיך צו פארטראכטן וועגן דעם אפשר פון א וועלטאָנשויאונג, וואָס איז קעגן דער מאטעריאליסטישער, וועגן אן אָנשויאונג, וואס גיט דעם מענטשלעכן לעבן מער זין און מער ווערט, מער אינהאלט און מער גליקזעליגקייט.

שוין דער פאקט אליין, וואָס אין א משך פון פינף און צוואנציק הונדערט יאָר, האָבן די טיפסטע דענקער פון דער וועלט עקשנותדיק זיך געהאלטן אָן דעם געדאנק, אז דער תוך און תמצית פון דער וועלט קאָן בשום אופן ניט זיין קיין עפּעס, וואָס האָט ניט קיין ווילן און קיין פארנונפט, קיין פלאן און קיין באנעם; שוין אָט דער דאָזיקער, אין די אויגן זיך ווארפנדיקער פאקט אליין, וואָלט געדארפט מאכן א סוף צו אָט

דער לייכטזיניגקייט, מיט וועלכער די ראדיקאלע שיכטן, ספעציעל פון דעם יידישן פאָלק, נעמען אויף די השערות וועגן דעם, אז אַן אטאָם איז א פועל יוצא פון אן אידעע, און ניט אז אידעע איז א רעזולטאט דערפון, וואָס עס זענען פאראן אטאָמען אין דער וועלט.

צו דעם דאָזיקן פאקט קומט צו אָבער איצט, אין דעם יאָר 1923, נאָך א פאקט און דאָס איז, וואָס די וויסנשאפט גופא, דורך אירע טיפסטע און גלענצנדסטע פאָרשטייער, הויבט אָן איינצוזען, אז אַן עפּעס, וואָס איז אָן ווילן און אָן פארשטאנד, אַן עפּעס, וואָס איז אָן א גייסטיקן ווילן, קאָן בשום אופן ניט באטראכט ווערן פון קיין פארנונפטיק וועזן, אין וועמען דער גייסט פון דעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט האט אן אויסדרוק געפינען, אלס אן אורזאך פון עפּעס, וואָס האָט יאָ ווילן און פארשטאנד, פון אן עפּעס, וואָס פון אים זעצט ארויס, אויף אזא אָדער אן אנדער אופן, גייסט.

בנוגע לעבן און גייסט הויבט אָן צו הערשן איצט ניט נאָר אין דער פילאָזאָפיע, נאָר אויך אין דער וויסנשאפט, אן איינשטימיקע מיינונג, און די דאָזיקע מיינונג איז, אז לעבן קאן ניט דערקלערט ווערן דורך קיין אנדער זאך, דורך קיין אנדערע עפּעסן א חוץ לעבן גופא. דאָס מיינט, אז אלע אורזאכן, וואָס האָבן געבראכט לעבן אויף דער וועלט, אלע פאקטאָרן, וואָס טרייבן אָן דאָס לעבן, ליגן פארבאהאלטן אינווענייק אין דעם לעבן גופא, און בשום אופן ניט ערגעץ וואו אויסנווענייק פון דעם לעבן — דאָס מיינט מיט אנדערע ווערטער, אז לעבן איז א זיך זעלבסט ארויסברענגנדער פראָצעס.

דאָס זעלבע איז מיט דעם גייסט.

אויך ער קאָן ניט דערקלערט ווערן דורך קיינע סבות, וואָס זאָלן ליגן אויסנווענייק פון אים. די איינציקע דעפיניציע, וואָס קאָן געגעבן ווערן וועגן גייסט איז, אז ג ײ ס ט א י ז ג ײ ס ט. גייסט איז דער כח, וואָס איז בכח זיך זעלבסט און אלעס אנדערעס צו פראָדוצירן, און אליין קאָן ער ניט פון קיין אנדער זאך ארויסגעבראכט ווערן, און אויסנווענייק פון דעם גייסט קאָן קיין זאך ניט זיין, מחמת וואָס פאר א זאך אין דער וועלט מיר זאָלן ניט אָנרופן, קאָן ניט אוועקגעשטעלט ווערן אויסנווענייק

פון דעם גייסט, דען דאָס אָנרופן און דאָס אוועקשטעלן גופא, זענען דאָך שוין אליין גייסטיקע פראָצעסן-אויסדרוקן פון דעם מענטש-לעכן געדאנק. און ווי עס איז ניט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן טייכן און ימים אָן וואסער, וואָרים דאָס וואסער איז דאָס, וואָס שניידט אויס דעם טייך און דעם ים, אזוי איז ניט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן א זאך אָן גייסט, דען א זאך איז קודם כל געוואָרוועררונג אָדער באגריף, און עס איז דער גייסט, וואָס שניידט אויס אין אונז און ארום אונז דעם באגריף און די געוואָרוועררונג.

די טיפסטע און די געניאלסטע וויסנשאפטס-מענער פון דער לעצ-טער צייט שרייבן אלע אונטער דעם פילאָזאָפס בערקליס דעקלאראציע פון מיט יאָרן לאנג צוריק, אז „די מאטעריע איז גאָר פון קנאפן נוצן פאר דער נאטור פילאָזאָפיע".

און היות ווי עס זענען ניט פאראן קיין העכערע אינסטאנציעס ווי די וויסנשאפט, פילאָזאפיע, קונסט און רעליגיע, וואָס אלע אינאיינעם שטעלן זיי צונויף דעם אויסדרוק פון וועלט-גייסט, וואָס גייט אונטער דעם נאָמען קולטור, — ממילא וועט דאָך די ראדיקאלע סאָציאָלאָגיע מיט איר גוואלטיקן דראנג און פארלאנג זיך צו באטראכטן אלס א וויסנשאפט ניט קאָנען ארויסשפרינגען פון איר קולטור-הויט און אויף אן עקשנותדיקן אופן גיין דוקא מאטעריאליסטיש, ווען דער גאנצער געדאנקען-גאנג איז מיט אידעאליזם אָדער ספיריטואליזם דורכגעדרונגען.

---

2

פערציק יאָר נאָכדעם ווי די וועלט האָט דערזען דעם „קאָמוניס־טישן מאניפעסט״, איז ארויסגעקומען דאָס טיף און גרויס בוך פון דעם גרעסטן פילאָזאָף פון היינטיקער צייט, האנרי בערגסאָן. דאָס בוך הייסט: „צייט און פרייער ווילן, אָדער די דאטע פון דעם באוואוסטזיין״.

אין דעם דאָזיקן בוך שטעלט זיך איין דער גרעסטער פאָרשטייער פון דעם נייסטן געדאנקן־גאנג, אין קעגנזאץ צום פילאָזאָפישן און היסטאָרישן מאטעריאליזם, פאר דעם געדאנק, אז דער חילוק צווישן דעם מענטשן און דער חיה איז א חילוק ניט נאָר אין גראדן, נאָר טאקע אין תוך און תמצית. דער מענטש איז אנדערש פון דער חיה אין די איכותן אזוי גוט ווי אין די כמותן. דער מענטש באזיצט אן אינטואיציע, וואָס די חיה באזיצט ניט, ער באנעמט מיט זיין גייסט א געוויסן אויסדרוק, א שיין אָדער קראפט, וועלכע די חיה באנעמט ניט. אָט די דאָזיקע אינטואיציע, אָט די דאָזיקע ספעציפיש מענטשלעכע עמפינדונג, אָט דער דאָזיקער פונק, אזוי צו זאָגן, פון דעם אלוועלטלעכן גייסט, אָדער אפשר גאָר א מין שטראָם פון דער אוניווערסאלער באוואוסטזיינס פליסיגקייט, וואָס נעמט דורך נאָר דעם מענטשן און קיין אנדער חיה ניט, איז פאראנטוואָרטלעך פאר דער געזעלשאפטלעכער איינאָרדנונג פון דעם מענטשן, אַן איינאָרדנונג, וואָס האָט ניט קיין גלייכן צו זיך אין קיין צוזאמענלעבן פון אנדערע לעבעדיקע באשעפענישן.

אויף אזא אופן קומט אויס, אז ניט די געזעלשאפטלעכע עקזיסטענץ איז, ווי מארקס דענקט, דער באשטימענדער פאקטאָר פון דעם מענטש־

לעבן באוואוסטזיין, נאָר פארקערט, אז דער העכערער גראַד פון באַוואוסטזיין, וואָס האָט זיך דורכגעזעצט דורך דעם מענטשן איז עס. דאָס געזעלשאפטלעכע לעבן איז אלזאָ ניט די „פרימאָ קאַוזא", ניט די ערשטע אורזאך פון דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין.

אויב עס איז שוין יאָ א פראגע פון אורזאך און פאָלגע, איז שוין גיכער דאָס געזעלשאפטלעכע לעבן א פועל יוצא פון דער זעלבסטשטענדיקער און אומאויפהערלעכער אנטוויקלונג פון דעם באוואוסטזיין אין דעם מענטשן. און אדאנק דער דאָזיקער אנטוויקלונג פון דעם געדאנק, איז דער חיה־מענטש פארוואנדלט געוואָרן אין א מענטשלעכן מענטש און, אלס אזעלכער, האָט ער אָנגעהויבן זיך צו באנוצן מיט פראָדוקציאָנס מיטלען. די פראָדוקציאָנס מיטלען זענען אויף אזא אופן, ניט ווי קאַוטסקי דענקט, די אורזאך פון דער מענטשלעכקייט, נאָר פארקערט, די אומוואנדלונג פון א חיהשער מענטשלעכקייט אין א מענטשלעכער, וועלכע איז א רעזולטאט פון דער עוואָלוציע פון געדאנק, וועלכע ווערט געטריבן פון אן אינערלעכן, פון דרויסן ניט באַשטימטן אימפעט. זי — די דאָזיקע אומוואנדלונג, די דאָזיקע, אזוי צו זאָגן, גייסטיקע מעטאמאָרפאָזע האָט געפירט צו דער ערפינדונג פון געצייג, און דורך דעם געצייג צו די מיטלען פון עקאָנאָמיש־געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע.

אין זיין מער באקאנטן בוך „באשאפנדע עוואָלוציע", וואו בערגסאָן נעמט דורך די גאנצע עוואָלוציאָנס טעאָריע אין דעם ליכט פון די נייסטע פאָרשונגען אין דער וויסנשאפט, און די נייסטע ספעקולאציעס אין דער פילאָזאָפיע, קומט ער צום שלוס, אז ניט נאָר דער געדאנק, אָדער דאָס באוואוסטזיין, נאָר אז אלץ, וואָס מיר באצייכענען מיט דעם נאָמען לעבן, אנטוויקלט זיך, בייט זיך, באנייט זיך און פארצווייגט זיך הויפטזאכלעך, אדאנק דער אינערלעכער און אָריגינעלער קראפט, וואָס דאָס לעבן גופא באזיצט און וואָס נעמט זיך ניט פון קיינע אויסנוועניקסטע אומשטאנדן. „דאָס לעבן", זאָגט בערגסאָן, „איז א טענדענץ, און דער תמצית פון א טענדענץ איז צו אנטוויקלען זיך אין דער פאָרם פון א גארב, שאפנדיק דורך זיין עצם וואוקס פארשיידענע ריכטונגען, וואָס

צווישן זיי ווערט דער אימפעט פון לעבן פאנאנדערגעטיילט".

און ווער עס זעט טיף אין דעם לעבן גופא אן אָריגינעלן אָנשטויס, אן אינערלעכע אָנרעגונג, וואָס קומט אויף דער וועלט איינציייטיק מיט דעם לעבן, דער קאָן שוין מער ניט באטראכטן די סביבה אלס דעם ערשטן, דעם איינציקן, אָדער אפילו אלס דעם עיקר פאקטאָר אין דעם עוואָלוציאָנס פראָצעס. אונטער אזא בליק פארלירט די מאטעריעלע סביבה איר קאָנטראָלירנדע און דירעקטירנדע מאכט אויף דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון דעם לעבן. קיינע מעגלעכע אין דער וועלט קאָמבינאציעס, פון מאטעריעלע, ד. ה., פון פיזישע און כעמישע כחות, קאָנען ניט דערקלערן דעם לויף און צונויפשטעל פון דעם קלענסטן און איינפאכסטן לעבנס פראָצעס.

אונטער דעם זעלבן בליק מוז די סביבה, אין דער פאָרם פון בלינדע פראָדוקציאָנס מיטלען און שטומע עקאָנאָמישע פארהעלטענישן, פארלירן איר איניציאטיוו-ווירקנדע און פראָגרעסיוו-אָנשטויסנדע קראפט אויף דעם „זיין" און „ווערן" פון דעם געזעלשאפטלעכן לעבן. קיינע מאָדוסן און מיטלען פון פראָדוקציע, קיינע ריינע עקאָנאָמישע געזעלשאפטלעכע סטרוקטורן אָדער פארהעלטענישן, קאָנען אויף א האָר ניט קלאָרער מאכן, ווי אזוי דאָס סאמע מינדסטע טראָפּעלע פון געזעלשאפטלעכן באוואוסטזיין איז אויף דער וועלט געקומען; און ממילא קאָנען זיי ניט באטראכט ווערן אלס דירעקטירנדע און באשטימענדע אורזאכן פון דעם צוזאמענלעבן פון מענטשן.

„אז די צופאסונג צו דער סביבה", זאָגט בערגסאָן, „איז דער נויטיקער תנאי פאר דער עוואָלוציע, דערין צווייפלען מיר ניט אויף קיין איין מאָמענט. עס איז גאנץ אויגנשיינלעך, אז יעדער מין פון חיות וואָלט פארשוואונדן, ווען ער זאָל ניט באוויזן זיך צו בויגן אונטער די תנאים פון עקזיסטענץ, וואָס ווערן אויף אים ארויפגעלעגט. עס איז אָבער איין זאך צו אָנערקענען, אז די אומשטענדן זענען קרעפטן, וואָס די עוואָלוציע מוז זיך רעכענען מיט זיי, און א צווייטע זאך—צו באהויפּטן, אז זיי זענען דירעקטירנדע אורזאכן פון דער עוואָלוציע. די לעצטע טעאָריע איז די טעאָריע פון מעכאניזם. זי שליסט אבסאָלוט אויס די היפּאָטעזע

פון אן אָריגינעלן אָנשטויס, איך מיין, פון אן אינערלעכער טרייב-קראפט, וואָס האָט געשטויסן דאָס לעבן דורך מער און מער קאָמפּליצירטע פאָרמען צו העכערע און העכערע שיקזאלן און דאָך איז אזא אָנטרייב אויגנשיינלעך“.

די דאָזיקע אויגנשיינלעכקייט פון אן אינערלעכער טרייב-קראפט, פון א קראפט, הייסט עס, וואָס איז איינגעוואָרצלט טיף אינעווייניק אין די גייסטיקע און לעבנספולע וועלט פראָצעסן — ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער אָנערקענט, ניט נאָר פון די טיפסטע פילאָזאָפן, נאָר אויך פון די גרעסטע וויסנשאפטסלייט. און איז די ראדיקאלע סאָציאָלאָגיע אויף דעם וועג צו ווערן א וויסנשאפט, און איז דער סאָציאַליזם באמת א סאָציאַל-פילאָזאָפישע אָנשויאונג, וועלן זיי זיך ניט קאָנען ארויסדרייען פון דעם אידעאַליסטישן אָדער ספּיריטואַליסטישן ווירבל, אין וועלכן עס געפינט זיך איצט דער מענטשלעכער געדאנקען-גאנג.

און די שאלה, וואָס אייניקע שטעלן איצט בזה הלשון אומגעפער: „וואו איז די גאראנטיע, אז דער מענטשלעכער געדאנקען-גאנג, וועלכער האָט איצט אָנגענומען אזא טיף אידעאַליסטישע ווענדונג, וועט ניט, לאָמיר זאָגן, מיט פופציק יאָר שפּעטער, מאכן אן השיבנו צוריק צום מאטעריאַליזם מיט אלע זיינע קליפּערלעך פון מעכאניזם, אומשטאנדיזם, אטעאיזם, ציוויליזאציע—איזם? די דאָזיקע שאלה זאָגן מיר, ווערט אויף צווייערליי אופנים פארענטפערט.

איין ענטפער איז:

מיר האָבן קיין גרונט ניט אָנצונעמען, אז דער גאנג פון דער וויסנשאפט זאל זיין אן אנדערער איידער דער גאנג פון דער פילאָזאָפיע: געגאנגען איז די פילאָזאָפיע פון דעם מאטעריאַליזם צו דעם אידעאַליזם, און מיר האָבן שוין געזען, אז כל זמן עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן וועבן איר אידעאַליסטישע נעץ, וועלכע האָט געהאלטן געפאנגען די טיפסטע דענקער אין דער וועלט, איז די נעץ געוואָרן רק שטארקער און שטארקער; דער אידעאַליזם גייט אַלץ ווייטער און אַלץ טיפער אין דער ריכטונג פון דעם ספּיריטואַליזם, און אַלץ מער און מער זעט די דענקנדע וועלט איין, אז אזא זאך ווי געזעץ אין דער נאטור וואָלט געווען א

פשוטער אומזין, ווען נאטור זאכן, געשעענישן און פאסירונגען, וואָלטן אין זייער עצם תמצית, ניט געווען קיין פסיכישע אָדער גייסטיקע צושטאנדן, ד. ה., ווען אין זיי וואָלט ניט געשטעקט א שכלדיגקייט אָדער א פארנונפטיגקייט, וואָס שטאמט פון זעלבן מקור, וואָס פון אים פליסט די מענטשלעכע שכלדיגקייט און פארנונפטיגקייט, וועלכע געפינט און אנטדעקט, אָדער ווי מיר וואָלטן ליבערשט געזאָגט, צו וועלכע עס אנטפלעקן זיך די נאטור געזעצן.

ווי מיט דער פילאָזאָפיע אזוי אויך מיט דער וויסנשאפט.

זי האָט אָנגעהויבן מיט א שטרענגן מאטעריאליזם. וועלטן געוואָלט איבערקערן מיט אים, געוואָלט די פילאָזאָפיע גאָר עוקר מן השורש זיין, און ניט צוליב קיין אנדער טעם ווי נאָר צוליב דעם, וואָס די פילאָזאָפיע איז עקשנותדיק באשטאנען אויף אן אנטי מאטעריאליסטישער וועלטאָנשויאונג. איז זי, די וויסנשאפט, אָבער, שוין צוגעקומען, גייענדיק דורכאויס אין די מאטעריאליסטישע וועגן, צום אידעאליזם; האָט זי שוין איצט, ווי די פילאָזאָפיע לאנג צוריק, איינגעזען, אז כל זמן אלע געזעצן, השערות און היפאָטעזן, וואָס ווערן געמאכט און געפונען בנוגע דעם סדר העולם, ווערן געמאכט און געפונען פון ווילן, פארשטאנד און געפילן, קאָן עס פונקט אזוי מעגלעך זיין, אז דאָס עפעס, וועגן וועלכעס אלץ, וואָס ווערט פאָרמולירט, ווערט פון געדאנק פאָרמולירט, זאָל זיך ווען עס איז פון געדאנקלעכעס באפרייען, ווי עס איז מעגלעך, למשל, פאר טייך אָדער ים זיך פון וואסער באפרייען און דאָך טייך אָדער ים בלייבן. די וויסנשאפט זעט איצט איין, אז מען קאָן אזוי וועניק די וועלט ארום אונז פון געדאנק ארויסציען, ווי מען קאָן א לעבעדיקן קערפער פון דער הויט ארויסציען, און ער זאָל א לעבעדיקער קערפער בלייבן.

און אויב ניט די וויסנשאפט, ניט די פילאָזאָפיע און ניט די קונסט קאָן זיך איצט פאָרשטעלן די מעגלעכקייט אפילו פון צו קומען באָכאמאָל, ווען עס איז צו א וועלכן עס איז מאטעריאליסטישן באגריף, טאָ פאר וואָס זאָלן מ י ר דוקא אָן א פארוואָס און אָן א פאר ווען, גאָר סתם אין דער וועלט אריין, יאָ באשטיין אויף דער דאָזיקער

מעגלעכקייט, נאָר אויס דעם גרונט בלויז, וואָס אויב עס איז שוין איינמאָל אזוי געווען, קאָן עס נאָך אמאָל אזוי זיין, און צוליב אָט דער ניט געשטויגענער און ניט געפלויגענער מעגלעכקייט, זאָלן מיר זיך צוריקהאלטן פון דער דרינגנדער נויטווענדיגקייט אָנצופילן די הערצער און די נשמות פון די מענטשן מיט דער ספיריטואליסטישער וועלטאָנשויאונג, וועלכע קאָן ווערן אן אומדערשעפלעכער קוואל פון גליקזעליגקייט און אן אומאויפהערליכע אָנרעגונג צו אן אומערמיד־לעכן, פול מיט זין און אינהאלט, קאמף פאר א בעסערער אָרדנונג אין דער געזעלשאפט.

נאָך אלעמען מוז דאָך קלאָר ווערן, אז די ברייטע שיכטן פון א פאָלק און פון דער מענטשהייט האָבן קיינמאָל מיט זייער לאָגיק ניט באנומען ניט די פילאָזאָפישע און ניט די וויסנשאפטלעכע חקירות ודרישות בנוגע דעם תוך, מהות און תמצית פון דער וועלט. ביי זיי, דערהויפט ביי די, וואָס האָבן אויף אזא אָדער אן אנדער אופן נאָכ־געפאָלגט דעם גאנג פון דעם מענטשלעכן דענקען, איז דאָס אלע מאָל א פראגע פון נעמען אויפן וואָרט דאָס, וואָס האָט אין דער דענקענ־דער וועלט אָנגעהויבן באטראכט צו ווערן אלס אן אקסיאָמע. די הערשנדע אָנשויאונג אין דעם, וואָס מיר וואָלטן אָנגערופן פראָפעסיאָ־נעל דענקענדן טייל פון דער מענטשהייט ווערט א גלויבן, באפעסטיקט פון אלע עמאָציעס און געפילן, ביי אלע איבעריקע טיילן פון דער געזעלשאפט. און אפילו ביי דעם פראָפעסיאָנעל דענקענדן טייל פון דער געזעלשאפט, שפילן אויך די געפילן און די עמאָציעס, דער כא־ראקטער און טעמפעראמענט פון דער פערזאָן, א גאנץ היבשע ראָל אין דעם פראָצעס פון ארויסברענגען אָדער אָננעמען א געוויסע וועלט־אָנשויאונג.

און ווי דאָס לעבן שאפט זיך זיינע ספעציפישע פאָרמען פאר זיין דורכזעצונג צו פארשיידענע צייטן און פארשיידענע ערטער, אזוי, אפשר, שאפט דער גייסט זיינע ספעציפישע פערזענלעכקייטן, דורך וועלכע ער זאָל זיך צו א געוויסער צייט, אויף אזא און ניט אויף קיין אנדער אופן, דורכברעכן.

עס דאַרף, דעריבער, קלאָר פאַרשטאַנען ווערן, אַז קיין אָנשויאונג קאָן ניט ווערן קיין אינטימער און אָרגאַנישער טייל פון דער פּערזענלעכקייט, אָדער פון דער פּערזאָן, קאָן ניט ווירקן און באאיינפלוסן זיין לעבנספּיר, סיידן זי גייט אריין אין זיין פלייש און בלוט. און דאָס קאָן די אָנשויאונג ניט טאָן פריער, איידער זי ווערט צעשמאָלצן אויף דעם פלאַם פייער פון דעם פּערזאָנס געפילן.

און אום אַרויסצורופן די געפילן פון וועמען עס איז, מוז מען האָבן פריער פון אַלץ אויף אונזער זייט דעם גוטן ווילן פון די, וועמענס געפילן מיר זענען פאַראינטערעסירט אַרויסצורופן. און איינער, באַך אַלעמען, פון די שטאַרקסטע פאַקטאָרן אויף צו קריגן דעם גוטן ווילן פון די מאַסן פאַר אַ וועלטאָנשויאונג איז אַ פעסטע און קלאָרע פאַרזיכערונג, אַז די אַלטע אָנשויאונג איז שוין אָפּגעפרעגט אין די העכערע אינטעלעקטועלע פענסטער און ערשט, ווען דער גוטער ווילן ווערט געשאַפן, עפנט זיך אַ צוטרעט, אַמאָל דורך די געפילן צו דער לאָגיק, און אַמאָל דורך דער לאָגיק צו די געפילן — צו דער לאָגיק און צו די געפילן, וואָס פּאַסן זיך פאַר אַזאַ און בשום אופן ניט פאַר קיין אַנדער וועלטאָנשויאונג. דערמיט דערקלערט זיך, פאַרוואָס געוויסע וועלטאָנשויאונגען ווערן ניט אויפגענומען אַפילו ניט פון די גדולי הדור, אין וועלכן די וועלטאָנשויאונג ווערט אַרויסגעבראַכט. די נייע אָנשויאונג פאָדערט, זעט אויס, פּערזענלעכקייטן פון נייעם מין, וועמענס אינטואיציע קודם כל זאָל זיך קאָנען אַריינלעבן און צונויפגיסן מיט דער לעבנסאָנשויאונג. און וואו עס פעלט אַזאַ אינטואיטיווע אַריינלעבונג אָדער צונויפגיסונג, דאָרט איז אַלע מאָל די וועלטאָנשויאונג אויף מעסער שטעכן מיט דער לאָגיק. דער אַפּיל צו דער לאָגיק, מוזן מיר געדענקען, איז אַלע מאָל ניט מער ווי אַ מיטל אויף צו צוקומען צו די געפילן, — צו די טיפסטע טיפענישן פון דער פּערזענלעכקייט, וואָס פון איר, ווי אַ לאַווע פון אַ וואולקאַן, זעצט אַרויס די אינטואיציע, וועלכע אַסימילירט די אָנשויאונג מיט דער פּערזענלעכקייט.

דער צווייטער ענטפער אויף דער פראַגע: „טאָמער וועט אָבער

חלילה, דער געדאנקען-גאנג מאכן א ריקווערטס פאסיקל אין דער זיג-זאג ליניע פון געדאנקלעכן פּאָרטשריט" — איז דער: אפילו אין זיין צוריקגיין, אזוי צו זאָגן, טרייסלט דער געדאנק ניט אָפּ פון זיך דאָס, וואָס ער האָט איינגעזאפּט אין זיך אין דער צייט, ווען ער האָט דורכגעמאכט זיינע נייע וואנדערונגען. יעדער נייער ארייננבליק פון דעם מענטשן אין דעם גאנג פון דער וועלט, שאפט איבער די פארגאנגענהייט און גיט איר א נייעם זין און אינהאלט. די ווערטער, וואָס אין זיי האָט קאנט, מיט אן ערך הונדערט יאָר צוריק, אויסגעדריקט זיינע געדאנקען, זענען היינט איינע און די זעלבע, וואָס זענען געווען צו דער צייט, ווען זייערע אומשטערבלעכע ווערק זענען געשאפן געוואָרן. די זעלבע ווערטער, אָבער, ווערן איצט, אדאנק דעם, וואָס נאָך קאנטן זענען געקומען צענדליקער אנדערע דענקער, אנדערש פארשטאנען. און—צוריק צו קאנטן באַדייט: צוריק צו די אלגעמיינע שטריכן, צוריק צו די אלגעמיינע ריכטונגען און אָנדייטונגען, וואָס קאנט האָט געגעבן צו דעם מענטשלעכן געדאנק. די וויכטיקייט אָבער פון דעם קאנטיאניזם, שוין אדאנק דעם אליין, וואָס נאָך קאנטן האָט פאר א שטיק צייט געהערשט דער מאטעריאליזם, האָט איצט ניט גאָר איינגאנצן דעם זעלבן זין און דעם זעלבן אינהאלט, וואָס זי האָט געהאט מיט צענדליקער יאָרן פריער. און גרויסע דענקער ברענגען איצט פּסוקים פון קאנטן אום צו פארטיידיקן אנטקעגנגעזעצטע באגריפן וועגן קאנטיאניזם. דאָס איז דערפאר, וואָס קאנט, וועלכער האָט געלעבט אזוי פיל און אזוי פיל יאָר, איז פאר אונז געשטאָרבן, דער קאנטיאניזם אָבער לעבט און אנטוויקלט זיך, און דעריבער האָבן הונדערטערליי פארשיידענע אויסטייטשונגען זיינע א בארעכטיגונג, און די פראגע איז איצט אלע מאָל ניט וועגן קאנטן נאָר וועגן דעם קאנטיאניזם, ד. ה., ניט וואָס ער, קאנט, וועמען מיר קאָנען שוין אלס עדות קיין מאָל ניט פרעגן, האָט מיט זיין לערע געמיינט, נאָר וואָס איז דער איינפלוס פון זיין לערע געווען, אין וועלכער ריכטונג האָט זיין לערע א בויג געטאָן דעם מענטשלעכן געדאנק און אין וועלכער ריכטונג שטויסט זי נאָך עד היום. דאָס זעלבע איז מיט אלע לערען און מיט אלע ריכטונגען פון דעם מענטשלעכן גע-

דאנק, מיט דער לערע פון קריסטוס, אזוי גוט ווי מיט דער לערע פון מארקסן. עס איז אוממעגלעך אָפּצוזונדערן דעם שאפער אָדער זיינע געשאפענע ווערק פון דער שיטה, ריכטונג אָדער באוועגונג, וואָס זיינע ווערק האָבן פאראורזאכט. אָט ווי עס איז אוממעגלעך אָפּצוזינדערן דעם פייער פון דעם ברענענדן מאטעריאל. און דערפאר טאקע האָבן זיך ניט איינגעגעבן, למשל, אלע אָנשטרענגונגען ארויסצושיילן קריסטוסן פון קריסטנטום און אים אויף אן איבער-קריסטנטום פעדעסטאל אוועקזעצן, שוין נאָר דערפאר אליין, וואָס ניט קריסטוס אינטערעסירט די וועלט, נאָר קריסטנטום. און פונקט אזוי וועניק וועט זיך עס איינגעבן ווען עס איז, און פונקט אזוי וועניק ממשותדיק וועלן זיין אלע רעזולטאטן פון די אלע אָנשטרענגונגען ארויסצושיילן מארקסן פון דער מארקסיסטיש סאָציאליסטישער באוועגונג. פילאָזאָפישער מאטעריאליזם, מאטעריאליסטישע אויפפאסונג פון געשיכטע, עקאָנאָמישער דעטערמיניזם און רעוואָלוציאָנערער קלאסן קאמף וועלן בלייבן די זיילן אויף אייביק פון דעם מארקסיזם און פון דער מארקסיסטיש סאָציאליסטישער באוועגונג, וויפל פסוקים איינער זאָל ניט ברענגען פון מארקס ווערק אויף צו באווייזן, אז אין דער פילאָזאָפיע איז מארקס געווען אן אידעאליסט*). אנדערש קאָן ניט פארשטאנען ווערן א לערע פון איינעם, וואָס האָט אין יאנואר 1873, געשריבן: „ביי מיר איז דאָס אידעעלע נישט מער ווי דאָס מאטעריעלע, וואָס איז איבערגעזעצט און איבערגעמאכט געוואָרן אין דעם מענטשנס קאָפּ".

מעגן אויף דעם פונדאמענט פון דעם מאטעריעלן און אויף דעם פונדאמענט פון דער „נויטווענדיגקייט" פון דער עקאָנאָמישער פראָדוקציע געבויט ווערן איצט פון ד"ר זשיטלאָווסקי און אנדערע, הונדערטער ממשלות פון פרייהייט, וועט שוין אָט די דאָזיקע בויאונג ניט באפרייען אונזער דור פון די קייטן פון מאטעריאליסטישער נויטווענדיגקייט, וועלכע לאָזן אים זיך ניט א ריר טאָן גייסטיק און מאָראליש.

---

*) מיר האָבן דאָ אין זין ד"ר זשיטלאָווסקיס קריטיק אויף אונזער אנטימארקסיזם. זע „דאָס נייע לעבן", יוני 1923, ארטיקל „א נייע סאָציאל פילאָזאָפיע".

דער דאָזיקער דור האָט געשפּירט, אַז צווישן קעלער און פונדאַמענט איז ניט פאַראַן מער שייכות ווי צווישן דאַך און בוידעם. ער האָט געלערנט דעם פּשט, אַז פונדאַמענט מיינט גרונט, מהות, תּמצית. פונדאַמענטאַל מיינט תּמציתדיק, און וואו דער תּמצית איז מאַטעריע, פּראָדוקציע, עקאָנאָמיק—קאָן קיין ממשלה פון פרייהייט ניט ברענגען דעם מענטשן צו גייסטיקער זעלבסטשטענדיגקייט, וועלכע פאָדערט פרייהייט אַלס דעם פונדאַמענט פון דער מאָרגנדיקער געזעלשאַפט.

און וואו עס איז ניטאָ קיין פרייהייט, וואָס זאָל אַרויסזעצן פון די אונטערקעלערישע טיפעניש, דאָרט מוז פריער אָדער שפּעטער אונטער אַזאַ אָדער אַן אַנדער אויסרייד זיין אונטערדריקונג פון אַלץ, אפילו פון וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, ווען דאָס פאָדערט זיך אין די אינטערעסן פון דער עקזיסטירנדער מאַכט, מעגן אפילו די כּוונות זיין די בעסטע. צווישן אַבסאָלוטער פרייהייט און אינקוויזיציע איז ניט פאַראַן קיין אויסוועג. עס איז פאַרפאַלן. עס מוז בלייבן: אַנטוועדער אַבסאָלוטע פרייהייט אָדער אינקוויזיציע. היינטיקס מאָל איז דאָס מאַטעריאַליסטישע אינקוויזיציע, אַן אַנדערש מאָל וועט עס זיין אידעאַליסטישע אינקוויזיציע. וויל מען באמת ניט קיין אינקוויזיציע, און לאָזט מען אויף אַ ווײַלע צורו די אומשולדיקע מאַרקסיסטישע קאָמוניסטן, מוז מען זיך באַפרייען פון דעם מאַטעריאַליזם און אינאיינעם מיט אים, און טאַקע אין דעם זעלביקן הרף עין, פון דעם, רעלאַטיוויזם, וועלכער דערלאָזט ניט פעסטצושטעלן די אַבסאָלוטע פרייהייט און גלייכהייט.

די דאָזיקע אַלערליי „ראַדיקאַלעכצדיקע” אינקוויזיציעס וועלן ניט אָפּגעשאַפט ווערן דורך אַ נייער אויסטייטשונג פון דער מאַרקסיסטישער לערע.

קיין באַוועגונג קאָן ניט ווערן ניי און אַנדערש דורך אַ נייער און אַנדער אויסטייטשונג פון דער לערע פון דעם, וואָס האָט די באַוועגונג אַרויסגערופן. וויל מען אַן אַנדער באַוועגונג, אַ נייע און אַנדער ריכטונג, מוז מען אַ נייע גרונטלאַגע שאַפן — אַ גרונטלאַגע, וואָס

זאָל זיין אין אָנקלאנג מיט די נייסטע ווענדונגען פון גייסט, דען ווען די אלטע ווענדונגען זאָלן נאָך אמאָל ווען עס איז פון דאָס ניי באַהערשן דעם מענטשלעכן געדאנק, ווען זיי שוין אין די אויגן פון דעם קומענדן דור ניט האָבן דעם זעלבן אויסזען, וואָס זיי האָבן אין אונזערע אויגן.

זאָל אפילו ווען עס איז נאָך אמאָל דער מענטשלעכער געדאנק אָננעמען א מאטעריאליסטישע ריכטונג — וואָס דאָס איז נאטירלעך פאר דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות אבסאָלוט אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן — וועט דערדאָזיקער מאטעריאליזם פאר קיין פאל שוין ניט זיין מער וואָס ער איז געווען. ער וועט שוין מוזן האָבן א גאנץ נייעם אינהאלט, א גאנץ אנדער זין און באטייט.

האָט זיך שוין א שניי-קוגל איין מאל א קייקל געטאָן, קאָן שוין קיינער ניט דורך קיינע אָפעראציעס, אים ניט געבן זיין פריערדיק געשטאלט, דען אין דעם פראָצעס פון קייקלען איז זיין געשטאלט געשאפן געוואָרן. צוליב דעם זעלבן טעם קאָן קיין אָרגאניזם ניט געפירט ווערן אויף קיינע וועגן צו א פריערדיקער געשטאלט, דען אין דעם פראָצעס פון וואקסן ווערן די געשטאלטן אויסגעשניטן. דאָס זעלבע איז מיט געדאנקען און אָנשויאונגען. די אומאויפהערלעכע אנטוויקלונגס-פראָצעסן שניידן אויס באגריפן, אידעאלען און וועלטאָנשויאונגען. יעדער אויסשניט, יעדע קריסטאליזאציע איז איין און איינציק, קאָן צו זיך קיין גלייכן ניט האָבן, און וואָס זי האָט אויף זיך, אין פארלויף פון פראָצעס, ארויפגענומען, קאָן שוין פון קיינעם אין דער וועלט ניט אראָפגענומען ווערן.

איז דער סאָציאליזם אן אידעאל, וואָס אים איז ווירקלעך באַשערט פארווירקלעכט צו ווערן, איז ער נאָר אן אמתער אויסדרוק פון דער קולטור, מוז ער, מיט יעדן נייעם ריר פון דעם געדאנקען-גאנג, א פרישן ציטער טאָן. ער מוז וויברירן אין אוניסאָן מיט די נייסטע וויבריאציעס פון דעם אוניווערסאלן קולטור-פלוס.

און איז די מארקסיסטישע נעץ, וואָס איז ארום אים ארומגעוועבט געוואָרן, באשטאנען, אדאנק די מאטעריאליסטישע קוואליעס, וואָס האָבן זיך

געשלאָגן אין די ברעגעס פון דער מענטשלעכער דערקענטניש, פון היסטאָריש-פילאָזאָפיש מאטעריאליסטישע פעדים, מוזן זיי, די דאָזיקע פעדים, איצט אונטער דעם דרוק פון די אידעאליסטישע כוואליעס, איינע נאָך די אנדערע ארויסגעצויגן ווערן, און מיט אידעאליסטישע פעדים מוז א ניי געוועב געוועבט ווערן פאר איינעם און דעם זעלבן אידעאל, וואָס גייט און וועט גיין אונטער דעם נאָמען סאָציאליזם. האָט דער מענטשלעכער באוואוסטזיין דערגרייכט, אין די טיפסטע רעפרעזענטאנטן פון דעם מענטשלעכן גייסט, א מדרגה, וואָס אויף איר שטייענדיק, קאָן ער שוין בשום אופן מער ניט זען און קוקן אויף דער וועלט ווי אויף אן ארויסזעצונג פון עפּעס, וואָס האָט ניט קיין באוואוסטזיין, וועט דער סאָציאליזם אין טאקט מיט דעם דאָזיקן שטאנד פון באוואוסטזיין, מוזן פון דאָס ניי געשטעלט ווערן אין דעם ליכט פון א היסטאָרישן אידעאליזם, אָנשטאָט א היסטאָרישן מ טעריאליזם.

דער שטריך, וואָס פאראייניקט אלע גרעסטע פילאָזאָפן פון אונזער צייט, וועלכע גייען זיך אין א סך פונקטן פאנאנדער איינער מיט די אנדערע און אלע אינאיינעם מיט העגעלען, איז דאָס, וואָס זיי אלע שטעלן אוועק דאָס באוואוסטזיין אין אזא, אָדער אן אנדער פאָרם, ניט צום סוף פון דעם עוואָלוציאָנס פראָצעס, נאָר ביים סאמען אָנהויב, ניט אלס א שפּעטערדיק רינגעלע אין דער קייט פון די עקאָנאָמישע געשעענישן און פאסירונגען, נאָר אלס דאָס רינגעלע, וואָס האָט מעגלעך געמאכט, סיי די אנטשטייאונג, סיי די אנטוויקלונג פון דער גאנצער קאָסמאָסקייט. און נאָר אזא אידעאליסטישער שטריך, אין א שטארקן זין דער העגעלישער שטריך, וועלכער האָט מארקסן אוועקגעשטעלט אין א דיאמעטראלער אנטקעגנגעזעצקייט צו העגעלען, וועט קאָנען פאראייניקן אין דער צוקונפט אלע סאָציאליסטן.

און אויף אזוי פיל אויף וויפל דער נייסטער אידעאליזם וויל ניט וויסן פון קיין דעטערמיניזם, אויף אזוי פיל וועט אויך דער סאָציאליזם מוזן זיך באפרייען פון דעטערמיניזם, און פון עקאָנאָמישן דעטערמיניזם אודאי און אודאי; און אויף אזוי פיל אויף וויפל דער נייער אידעאליזם באשטייט עקשנותדיק אויף אבסאָלוטיזם לגבי רעלאטיוויזם, אויף אזוי פיל

וועט אויך דער סאָציאליזם — דער ניי־סאָציאליזם, פאר וועלכן מיר שטעלן זיך איין מיט דער גאנצער קראפט פון אונזער פילן און דענקען — מוזן זיך אידענציפירן מיט דער אבסאָלוטער פרייהייט פון וואָרט און שריפט און אבסאָלוטער גלייכהייט פון עקאָנאָמישן באזיץ.

„די גרעסטע מאיאָריטעט פון דער מענטשהייט", זאָגט אונז ד"ר זשיטלאָווסקי (אין דעם זעלבן ארטיקל, וואָס מיר האָבן שוין פריער דער־מאָנט), „בויט איר סאָציאל פּאָליטישע מאָראל ניט אויף פרייהייט און גלייכהייט, נאָר אויף רעכט, גערעכטיגקייט און אלגעמיינעם וואוילזיין". דאָס מיינט אָבער ניט מער ווי צוזאָגן, אז די גרעסטע מאיאָריטעט פון דער מענטשהייט האָט נאָך ניט איינגעזען דעם טיפן, און אין דער זעל־בער צייט פשוטן אמת, אז רעכט קאָן קומען צום אויסדרוק נאָר דורך דער אבסאָלוטער פרייהייט פון שריפטלעכן און מינדלעכן אויסדרוק. ניטאָ קיין ברעקל רעכט דאָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין פרייהייט. די זעלבע מאיאָריטעט איז נאָך אויך בלינד בנוגע צו דעם פאקט, אז געזעלשאפט־לעכע גערעכטיגקייט קאָן איר אויסדרוק געפינען נאָר אין אבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, דען אויב עס איז אמת, אז גערעכטיגקייט פאר־לאנגט, אז יעדער איינער זאָל באקומען, וואָס אים קומט, איז דאָס אודאי און אודאי אמת, אז יעדן קומט א האָר ניט מער מאטעריעלע גיטער איידער דעם אנדערן, שוין נאָר דערפאר אליין, וואָס קיינער איז ניט קלוג גענוג אָפּצומעסטן און אָבצוּוועגן דאָס, וואָס עס קומט אָדער קומט ניט עמעצן. ניט קלאָר איז נאך אויך געוואָרן צו דער מאיאָריטעט, אז אן אלגעמיינער וואוילזיין וועט מעגלעך זיין נאָר יעמאלט, ווען יעדן איינציקן מיטגליד פון דער געזעלשאפט וועט זיין וואויל אויף אן אבסאָ־לוט גלייכן אופן.

עס איז אָבער בשום אופן ניט אמת, ווי ד"ר זשיטלאָווסקי וויל אונז איינרעדן, אז די דאָזיקע מאיאָריטעט פון מאָדערנע מענטשן נעמען אויף דעם ענין אזוי און ניט אנדערש אויף אן אינטואיטיוון אופן.

דער אמת איז, אז אינטואיטיוו פילט דאָס רוב פון די דאָזיקע מענטשן, אז רעכט פאָדערט אבסאָלוטע פרייהייט, גערעכטיגקייס, אבסאָלו־טע גלייכהייט, אלגעמיינער וואוילזיין — דעם גלייכן וואוילזיין פון יעדן איינ־

ציקן מיטגליד. זייער איינציקע אויסזעצונג קעגן דעם איז, די לאָגישע אוממעגלעכקייט פון דורכצופירן און אריינצופירן אין לעבן די פרייהייט און גלייכקייט. הייסט עס, אז אלץ וואָס עס פעלט נאָך איז, אז די מאַיאָריטעט זאָל, ווי אייניקע האָבן עס שוין, דערשפירן אינטואיטיוו די אבסאָלוטע מעגלעכקייט פון דער פרייהייט און פון דער גלייכהייט. און אין דער דערשפירונג גופא ליגט די מעגלעכקייט פון אלע אוממעגלעכקייטן. און פאר א גאָר לאנגער צייט מסתמא, וועט די לאָגיק און די געפילן פון די, וואָס האָבן שוין די דאָזיקע מעגלעכקייט דערשפירט מוזן געבראַכט ווערן אין א ביטערן און ליידנשאפטלעכן קאמף מיט דער לאָגיק און געפילן פון די, וואָס האָבן זי נאָך ניט דערשפירט. דער דאָזיקער קאמף ווערט אָבער פון אונזער זייט באטראכט בלויז אלס א מיטל אויף ארויסצורופן דעם פונק פון דער אינטואיציע, וואָס צינט אונטער די לאָגיק און די געפילן, און א פלאם פייערדיקע פערזענלעכקייט שמעלצט זיך צונויף מיט דער וועלטאָנשויאונג; און יעמאָלט קריגט זין דאָס, וואָס האָט ערשט נעכטן קיין זין ניט געהאט; און מעגלעך ווערט דאָס, וואָס איז א מאָמענט פריער געווען אוממעגלעך. יעמאָלט, און נאר יעמאָלט, קאָן אויך קלאָר ווערן די מעגלעכקייט פון צו אָפּפערן מיט דער גאנצער ציוויליזאַציע פאר דער קולטור, ווען דאָס איז נויטיק אין די אינטערעסן פון דעם וועלט גייסט. יעמאָלט און נאָר יעמאָלט, דערשפירט זיך די אבסאָלוטע נויטווענדיגקייט פון צו זיין בארייט צו מקריב זיין זיך און די גאנצע מענטשהייט אויף דעם מזבח פון דער אוניווערסאלער קולטור, וועלכע איז דער אוממיטלבארער אויסדרוק פון דעם וועלט גייסט. און אין דעם ליכט פון דער דאָזיקער קלאָרקייט דערזעט מען, ווי וויסט און פינסטער דער ציל און צוועק פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע איז, ווען זי, די סאָציאלע רעוואָלוציע, ווערט ניט באגאָסן מיט די שטראלן פון קולטור.

ווען דער מארקסיזם איז אויף דער וועלט געקומען איז נאָך דער אויסדרוק קולטור אין זיינע ווינדעלעך געלעגן (ביז צו דעם ניינצנטן יאָרהונדערט האָט אזא טערמין ווי קולטור נאך גאָר אינגאנצן ניט עקזיסטירט). שטארק אויסגעוואקסן זינט יעמאָלט האָט דער דאָזיקער אויסדרוק,

און מיט זיין וואוקס האָט ער אלץ א טיפערן און טיפערן זין און אינ-
האלט באקומען.

געקומען איז איצט, ווי מיר דענקען, די צייט, ווען די קולטור מוז נעמען די אויבערהאנט איבער ציוויליזאציע. און פאר דער דאָזיקער קול-
טור מוז דער מארקסיזם, ווי אלע אנדערע ביז איצטיקע סאָציאליסטישע ריכטונגען, דין וחשבון אָפּגעבן.

---

# צווייטער טייל

## די יסודות פון דעם מארקסיסטישן סאציאליזם

דער גאנצער באגריף פון די מארקסיסטן וועגן די שייכותן צווישן מאטעריאליזם און ראדיקאליזם און צווישן ראדיקאליזם און פראָגרעס, און וועגן די שייכותן פון זיי אלע צו דער בורזשואזער אָרדנונג, צו דער ארבעטער באוועגונג און צו דעם צוקונפטיקן סאָציאליסטישן סיסטעם, צע־פאלט זיך ווי א קאָרטן הויז אונטער דער ווירקונג פון די נייסטע אויס־דרוקן פון קולטור; ווי א זייפנבלאָז ווערט ער צערינען פון דעם אָטעם פון דער נייער פילאָזאפיע און וויסנשאפט, נייער קונסט און רעליגיע.

די נייע ווענדונג פון מענטשלעכן געדאנק, די נייע אויסטייטשונגען פון דעם באדייט און זין פון ציוויליזאציע און קולטור, וועלן מוזן שאפן, אויב זיי טוען דאָס שוין איצט ניט, נייע באגריפן וועגן פראָגרעס און ראדיקאליזם אָדער קאָנסערוואטיזם, גאנץ נייע גרונטלאגן פאר דער באוועגונג, וואָס דארף אויסלייזן די געזעלשאפט פון דעם פיין און שמערץ, וואָס דריקן איצט די נשמה און דעם גוף פון אַן אומגעהויער גרויסער צאָל פון אירע מיטגלידער.

דער היסטאָרישער מאטעריאליזם און עקאָנאָמישער דעטערמיניזם, אלס א סאָציאל פילאָזאָפישע גרונטלאגע, פירן דעם מארקסיזם דערצו, אז ער זאָל בויען דעם גאנצן מענטשלעכן פראָגרעס אויף דעם באזיס פון ציוויליזאציע, אויף דעם פונדאמענט פון מעכאניק און טעכניק.

די וויכטיגקייט פון די נייע ערפינדונגען און אנטדעקונגען פון דעם מענטשלעכן געדאנק באשטייט, לויט דעם מארקסיזם, ניט דערין, וואָס

זיי דערהויבן און פארטיפן דעם מענטשלעכן גייסט, נאָר דערין, וואָס זיי מאכן ברייטער און מאַטעריאל רייכער דאָס מענטשלעכע לעבן.

פאר דעם מארקסיזם איז ניט פון גרויס וויכטיגקייט דאָס, וואָס דורך די דאָזיקע ערפינדונגען און אנטדעקונגען, ווערן אנטפלעקט צום מענטשן אלץ מער און מער סודות פון דער נאטור, וואָס יעדער איינער פון זיי דערציילט וועגן דער אלמעכטיגקייט און אומענדלעכקייט פון דעם וועלט גייסט; אים גייט ניט אָן דאָס, וואָס יעדער מאָל, ווען א נייער סוד ווערט אנטפלעקט צום מענטשן, ווערט די מענטשלעכע נשמה דערהעכערט און דערנענטערט צו דער וועלט נשמה, דער מענטשלעכער גייסט ווערט שטארקער צונויפגעשמאָלצן מיט דעם גייסט, וועלכער איז אידענטיש מיט דעם, וואָס דער מענטש פארשטייט אונטער געטלעכקייט.

דער מארקסיזם שטעלט אוועק אין פאָדערגרונט פון דער מענטשלעכער אנטוויקלונג די עקאָנאָמישע פראָדוקציע, און ניט די גייסטיקע דערהויבנקייט.

אין זיין עטיק זאָגט אונז קאַוטסקי, אז פון איצט אָן און ווייטער בילדעט דער טעכנישער פראָגרעס דעם פונדאמענט פון דער גאנצער אנטוויקלונג פון דעם מענטשן. אויף אים, און ניט אויף וועלכן עס איז אנדער פונקט, רוט אלץ דאָס, מיט וואָס דער מענטש אונטערשיידט זיך פון דער חיה.

אין דער מארקסיסטיש-סאָציאליסטישער טעאָריע און אין דער גאנצער סאָציאליסטישער באוועגונג, וואָס ווערט, על פי דעם מארקסיסטישן שולחן ערוך, איינגעשטעלט, איז די מאשין די סאמע ערשטע און סאמע וויכטיקסטע זאך, און דער מענטשלעכער גייסט דאָס סאמע לעצטע און אומוויכטיקסטע. און, וואו דער מענטשלעכער גייסט ווערט שוין יאָ גענומען אין אָנבאטראכט, איז דאָס דער ראציאָנאלער טייל זיינער, דער טייל, וואָס קאָן אויף א קאלטבלוטיקן אופן אלץ אויסרעכענען און אויסחשבונען, און ניט דער אירראציאָנאלער טייל פון גייסט, ניט דער טייל, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט ווילן, געפילן און אימפולסן, און, וואָס, אָן א חשבון און אָן אויסרעכענונג, טרעפט זייער

יפט צום פונקט אויף אן אינטואיטיוון און אינסטינקטיוון אופן.

ענגעלס, למשל, דענקט, אז אונטער א סאָציאַליסטישער אָרדנונג וועט די געזעלשאפט גרינג קאָנען באשטימען וויפל שטונדן ארבעט עס זענען פאראן אין א דאמף מאשין, וויפל אין א העקטאָליטער ווייץ פון דעם לעצטן שניט, וויפל אין א הונדערט ארשין געוואנט פון א געוויסער קוואליטעט. זי וועט יעמאָלט קאָנען וויסן וויפל ארבעט יעדע זאך, וואָס ווערט באנוצט, פאָדערט פאר איר פראָדוצירונג. זי וועט קאָנען דירעקטירן דעם פלאן פון פראָדוקציע אין אָנקלאנג מיט די מיטלען פון פראָדוקציע. און דערביי זאָגט ענגעלס אויסדריקלעך, אז די ארבעטס קראפט פון דעם מענטשן איז א טייל פון די פראָדוקציאָנס מיטלען. (אנטי דיורינג.)

אזוי און ניט אנדערש דארף און קאָן זיין דער שטאנדפונקט פון יעדן איינעם, וואָס שווערט טרייהייט צו דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם און צו דעם, וואָס איך וואָלט גערופן, מאטעריאליסטישן ראציאָנאליזם.

די מענטשלעכע ארבעטס-קראפט, די קראפט פון דעם מענטשלעכן גייסט ווערט אַוועקגעשטעלט אין דער זעלבער ליניע מיט די פראָדוקציאָנס מיטלען. די ארבעטס שעהן, וואָס פאָדערן זיך אויף דער פראָדוקציע פון זאכן, וואָס א מענטש געברויכט, ווערן געשאצט און געמאָסטן אקוראט אזוי ווי דער מענטש זאָל ווירקלעך זיין א מאשין, אקוראט אזוי ווי אונזער דענקען, וואָס איז, על פי לאפארגן, א פונקציע פון דעם מארך אויף דעם זעלבן שטייגער ווי פארדייאונג איז א פונקציע פון מאָגן, וואָלט ווירקלעך געווען דער איינציקער און אלהערשנדער אויסדרוק פון דער נשמה, אקוראט אזוי ווי די מענטשלעכע ענערגיע, מענטשלעכע פראָדוצירנדע ארבעטס קראפט, זאָל אינגאנצן ניט אָפּהענגען פון דעם ווילן און די געפילן, פון די געמיטן און די שטימונגען, וואָס זעצן ארויס פון דער מענטשלעכער נשמה ווי א לאווע פון א פלאם פייערדיקן ווולקאן.

מענטשלעכע ארבעט ווערט אידענטיפיצירט מיט די פראָדוקציאָנס מיטלען, אקוראט אזוי ווי מענטשן וואָלטן גאָרניט ארויסגעבראכט און געשאפן קיינע זאכן, וואָס זייער גוף און ווערט קאָן פון קיין חכם אין דער וועלט ניט געוואויגן און ניט געמאָסטן ווערן; אקוראט אזוי ווי א מאָמענט ארבעט, ביי וועלכער דער מענטש שטעלט איין זיין לעבן, און

וואָס פון איר הענגט אָפּ דאָס לעבן פון טויזנטער אנדערע מענטשן, קאָן, אויף וועלכן עס איז אופן, פארגליכן ווערן אין לענג פון צייט און אין ווערט פון לעבנס מיטלען מיט אנדערע ארבעטן, וואָס זענען פון א ווע-ניקער ריזיקאלישן און פאראנטוואָרטלעכן כאראקטער.

און ווי עס זעט אויס אין ליכט פון ציוויליזאציע דער הייליקער ציל, דער סאָציאליזם, אזוי מוז, אויף אַ נאטירלעכן אופן, אויך אויסזען דער מיטל אָדער וועג, וואָס פירט צום סאָציאליזם, און דאָס איז דער באַ-רימטער קלאסן קאמף, דעם צייכן און דער פאָן, ווי קאַוטסקי רופט אים, וועלכן מארקס און ענגעלס האָבן געגעבן דעם ארבעטער קלאס, וואָס אונ-טער זיי דארף ער באקעמפן זיינע בורזשואזע שונאים און איינפירן אן אָרדנונג פון גלייכהייט, פרייהייט און ברידערלעכקייט.

אין דעם ליכט פון דעם ציוויליזאציאָנס-שטאנדפונקט, וואָס שלאָגט זיינע טיפע וואָרצלען אין דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם און מאטעריא-ליסטישן ראציאָנאליזם, מוז דער קלאסן קאמף פארשטאנען ווערן אלס א קאמף צווישן צוויי קלאסן: צווישן דעם קלאס, וואָס באזיצט די פּראָדוק-ציאָנס מיטלען, און דעם קלאס וואָס באזיצט זיי ניט. און ממילא מוז מען שוין אויך גלויבן, באמונה שלמה, אז אין דעם טאָמענט, ווען די געזעל-שאפט אלס גאנצעס וועט ווערן די באזיצערין פון די פּראָדוקציאָנס מיט-לען, וועלן ניט זיין מער קיין קלאסן אין דער געזעלשאפט, און פאָלג-לעך, וועט אין דער אייגענער צייט פארשוואונדן דער קלאסן קאמף, און אין יעדן ווינקל פון דער געזעלשאפט וועלן הערשן שלום ושלוה, אחדות און חברשאפט. מחמת דער קלאסן אנטאָגאניזם איז דאָך על פי דעם מארקסיזם ניט קיין פועל יוצא דערפון, וואָס עס עקזיסטירן אומצייליקע גראדן פון אומגלייכהייט אין דער געזעלשאפט, נאָר עס איז דער רעזול-טאט דערפון, וואָס עס זענען פאראן באזיצער פון פּראָדוקציאָנס מיטלען און אזוינע, וואָס באזיצן זיי ניט. אזוי שנעל דערפאר ווי די פּראָדוק-ציאָנס מיטלען, דער מארקסיסטישער קוואל פון אלדאָס גוטס און בייז אין דער געזעלשאפט, ווערן רעקווירט און מאָנאָפּאָליזירט פון דער געזעל-שאפט און הויבן אָן פון איר אלס גאנצעס אָפּערירט צו ווערן, בלייבט פון דעם דאָזיקן אנטאָגאניזם קיין סימן און קיין זכר ניט.

און אזא מין נביאות געפינען מיר טאקע אין דעם קאָמוניסטישן מאניפעסט.

„ווען דער פראָלעטאריאט", ליינען מיר דאָרט, „וואָס איז דורך דער מאכט פון אומשטענדן געצוואונגען, אין פארלויף פון זיין קאמף קעגן דער בורזשואזיע, זיך זעלבסט אלס קלאס צו אָרגאניזירן, הויבט זיך אויף דורך א רעוואָלוציע צו דער לאגע פון א הערשנדן קלאס, און אלס א הערשנדער קלאס שאפט ער גוואלטזאם אָפּ די אלטע פראָדוקציאָנס פאר־העלטעניש, שאפט ער שוין ממילא אָפּ אינאיינעם מיט די פּראָדוקציאָנס פארהעלטעניש, די באדינגונגען, וואָס אונטער זיי קאָן עקזיסטירן קלאס אנטאָגאניזם און קלאסן בכלל, און דערמיט גופא שאפט ער אָפּ זיין איי־גענע הערשאפט אלס קלאס. אויף דעם אָרט פון דער אלטער בורזשואזער געזעלשאפט מיט אירע קלאסן און קלאסן קעגנזאצן, וועלן מיר איינפירן אן אסאָציאציע, וואָס איז די פרייע אנטוויקלונג פון יעדן איינציקן, דער תּנאי פאר דער פרייער אנטוויקלונג פון אלע".

דער מארקסיזם, וואָס שרייבט צו אלע שרעקן און צרות אין דער געזעלשאפט צו די פּראָדוקציאָנס מיטלען, קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, אז אין דעם קלאס, וואָס באזיגט און באהערשט דעם בורזשואזן קלאס, קאָן טאקע, תּיכף נאָך דער באהערשונג און נאָך דעם זיג, אנטשטיין א נייע שפּאלטונג אין צוויי אָדער מער קלאסן, מיט א שפּאָגל נייעם אנטאָגאניזם.

דער מארקסיזם, וואָס זעט דעם וואָרצל פון שלעכטסקייטן פון דער איצטיקער אָרדנונג אין דער עקספּלואטאציע פון איין מענטשן דורך דעם אנדערן, וועלכער איז דער בעל הבית פון די פּראדוקציאָנס מיטלען, דער מארקסיזם, וואָס איז לגמרי בלינד צו די בייזוויליגקייטן און שלעכטס־קייטן, וואָס וואָרצלען אין דער עקאָנאָמישער און סאָציאלער אומגלייכ־הייט צווישן מענטש און מענטש אין א געזעלשאפט, וואָס האָט זאָגאר די גאנצע דעה איבער די פּראָדוקציאָנס מיטלען — דער דאָזיקער מארקסיזם מוז זען אין דעם געזעלשאַפטלעכן באזיץ פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, די גאנצע גאולה פון דער געזעלשאפט.

און גלויבט שוין איינער אין דער גרויסער ראָלע און אין דעם שטארקן כּשוף פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, מוז ער שוין אויף א לאָגיש

קאָנסעקווענטן אופן אוועקשטעלן פאר זיך אלס דעם באלדיקן ציל און צוועק פון דעם סאָציאלן איבערקער די פארגרעסערונג פון דער פּראָדוק־ציע. דער זיגרייכער פּראָלעטאריאט דארף קודם כל אָנשטרענגען זיינע כּחות דערויף, אז די פּראָדוקטיוויטעט זאָל דערגרייכן דעם העכסטן מעג־לעכן גראד פון אינטענסיוויטעט.

דער פּראָלעטאריאט דארף, על פּי מארקס און ענגעלס, באנוצן זיין פּאָליטישע הערשאפט אויף דריי זאכן: ערשטנס, אויף ארויסצורייסן ביס־לעכווייז דעם גאנצן קאפּיטאל פון דער בורזשואזיע; צווייטנס, אויף צו קאָנצענטרירן אלע פּראָדוקציאָנס אינסטרומענטן אין די הענט פון דעם שטאט, ד. ה. מיט אנדערע ווערטער, אין די הענט פון דעם הערשנדן קלאס; דריטנס, אויף צו פארמערן אזוי שנעל ווי מעגלעך די פּראָדוק־ציאָנס קרעפטן.

וועגן דער נויטיגקייט פון גלייכער פאנאנדערטיילונג פון די פּראָ־דוקטן צווישן די מיטגלידער פון דעם ארבעטער קלאס, וועגן דער אויפ־גאבע פון צו מאכן אוממעגלעך פאר איין טייל פון דעם פּראָלעטאריאט צו ווערן פּריווילעגירט לגבי דעם אנדערן טייל, וועגן דער געפאר, אז דער פּריווילעגירטער קלאס זאָל אין זיינע אינטערעסן אונטערדריקן און אויף אלערליי אופנים אויסנוצן דעם אנדערן טייל פון דעם זעלבן זיג־רייכן פּראָלעטאריאט, וועגן דער מוראדיקער מעגלעכקייט, אז די קנאה און שנאה, וואָס אן אומגלייכהייט נאָך א סאָציאלער רעוואָלוציע וועט ארויסרופן, זאָל פירן צו א נייעם אנטאָגאניזם—וועגן אזעלכע און ענלעכע זאכן, וואָס האָבן א שייכות מיט אבסאָלוטער גערעכטיגקייט און גלייכ־הייט, דענקט דער מארקסיזם ניט, און די מארקסיסטן פארשפּאָרן נאטיר־לעך וועגן זיי צו טראכטן.

וואָס עס גייט יאָ אָן דעם מארקסיזם אין דער נייער אָרדנונג נאָך דער סאָציאלער רעוואָלוציע איז, ערשטנס, די הערשאפט פון דעם ארבע־טער קלאס אין די אינטערעסן, נאטירלעך, פון דעם ארבעטער קלאס. (וועגן צוויי אָדער מער ארבעטער קלאסן מיט באזונדערע קעגנזעצלעכע אינטערעסן, פאנטאזירט דאָך דער מארקסיזם ניט.) די צווייטע זאך,

וואָס גייט דעם מארקסיזם אין לעבן, איז דער אָנטרייב פון דער פראָדוקציע אויף א גרויסן מאסשטאב.

די אינטערעסן פונם ארבעטער קלאס, וועלכער איז פון דער עקאָנאָמיש היסטאָרישער נויטווענדיגקייט באשטימט געוואָרן אויסצולייזן די וועלט פון אלע אירע פלאָגן און מאטערנישן, ווערן פון דעם מארקסיזם אוועקגעשטעלט העכער איבער אלץ אין דער וועלט. אלץ, וואָס איז געווען הייליק און טייער דעם מענטשן, מוז פאלן צו די פיס פאר די דאָזיקע אינטערעסן. און, היות ווי די דערהויבונג פון דעם גאנצן ארבעטער קלאס, ווי ער שטייט און גייט, צו עושר און צו כבוד, צו הערשאפט און געוועלטיקונג, איז דער פועל יוצא פון די עקאָנאָמישע פארהעלטענישן אין דער געזעלשאפט, מוזן, פאָלגלעך, אלע אידעאלן און באשטרעבונגען פון דעם מענטשן זיך קניען און בוקן פאר דער מאיעסטעט פון אלץ, וואָס האָט אויף זיך דעם עטיקעט פון עקאָנאָמישע קרעפטן.

און אזוי לאנג ווי די עקאָנאָמישע און פאָליטישע גלייכהייט, וועגן וועלכע דער מארקסיסטישער סאָציאליזם קימערט זיך ניט, וועט ניט איינגעפירט ווערן, וועט ניט מעגליך זיין צו רעדן וועגן פרייהייט, און דער שטאַט דעריבער, אלס אזעלכער, וועט ניט אויפהערן צו עקזיסטירן.

ווער עס גלויבט ניט, אז די פרייהייט און די גלייכהייט, וואָס זיי בענקט און לעכצט די מענטשלעכע נשמה, מוז גלייך נאָך דער סאָציאלער רעוואָלוציע איינגעפירט ווערן אין איר פולער און גאנצער אומריבארקייט, דער וועט קיינמאָל זיך ניט קאָנען ארויסדרייען פון דעם פארכשופטן קרייז פון שטאַט, פרייהייט און אנארכיע, אין דעם זין פון כאאָס, טומל און אומאָרדנונג.

און צו גלויבן אין דער אבסאָלוטהייט פון פרייהייט און גלייכהייט דערלויבט ניט דער ראציאָנאליסטישער מאטעריאליזם, וואָס זיין קווינטעסענץ איז רעלאטיוויזם. אין דער ארבעט „פרייהייט פון וואָרט און שריפט" האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, אז די אלע טענות, וואָס די פראָגרעסיווע און ראדיקאלע וועלט האָט קעגן די באָלשעוויקעס פאר זייער אונטערדריקונג פון פרייהייט, דארפן גערינכטעט ווערן קעגן דעם

מארקסיסטישן סאָציאַליזם, וועמענס עקאָנאָמישער דעטערמיניזם האָט אים בלינד געמאַכט צו ריין מענטשלעכע אידעאַלן, וואָס שטייען העכער ניט נאָר איבער די אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אַפילו איבער די אינטערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט. דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם וויל ניט וויסן פון די ריינע אָדער אַבּ-סאָלוטע אידעאַלן פון גערעכטיגקייט, פרייהייט, גלייכהייט, און שענ-קייט און אַנדערע, וואָס זעצן זיך דורך, דורך דעם מענטשלעכן גייסט און טראָגן אים אַוועק מיליאָנען מייל ווייט פון דער חיה און ברענ-גען אים אַלץ נענטער און נענטער צו דעם, וואָס ווערט, אויב ניט פאַרשטאַנען, איז געפילט, אונטער דעם וואָרט געטלעכקייט.

די דאָזיקע אידעאַלן, די פונקען, די שפּראָצונגען, אָדער אויס-דרוקן פון דעם אוניווערסאַלן גייסט, קאָנען, ווי אַלץ, וואָס זעצט זיך בלויז דורך אין אַנדער זאַך, בלייבן אין דער וועלט אָן דעם מענטשן, און וואַרטן אויף אַ נייער געלעגנהייט זיך דורכצוברעכן; דער מענטש אָבער קאָן ניט בלייבן מער מענטש, ווען די אידעאַלן ווערן פון אים אַוועקגענומען. אַ וועזן, וואָס אין אים קאָנען מער ניט די דאָזיקע און אַנדערע אידעאַלן געפינען אַ וועג, איז נאָך אַלץ אַ לעבעדיקע באַשע-פעניש, אָבער שוין ניט מער קיין מענטש, אַפילו אויב ער האָט נאָך די געשטאַלט און דעם אויסזען פון אַ מענטשן.

אַזאַ סאָרט פילאָזאָפיע, אַזאַ מין וועלטאַנשויאונג איז לגמרי פרעמד דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, און דערפאַר קאָן לויט אים נאָר אַזאַ זאַך ווי ריינע, ניט קיין ספּעציפיש פּראָלעטאַרישע אָדער ספּעציפישע בורזשואַזע פרייהייט, ניט געמאָלט זיין. דער אַרבעטער האָט געדאַרפט קעמפן מיט אַלע זיינע כחות קעגן די אונטערדריקונגען פון די קאַפּי-טאַליסטן, ער האָט זיך געמוזט איינשטעלן פאַר דער פרייהייט פון וואָרט און שריפט אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, לפנים וועגן, אין דעם נאָמען פון פרייהייט. אין תוך גענומען, אָבער, איז דאָס, על פּי דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם, געווען ניט מער, ווי אַ קאַמף פאַר עפּעס, וואָס האָט געדינט די הייליקע אינטערעסן, ווי זיי ווערן אויס-געטייטשט און פאַרשטאַנען פון דעם אַוואַנגאַרד פון דעם אַרבעטער

קלאס, ד. ה., פון די, וואָס האָבן די מאכט אין זייערע הענט. און אויב די דאָזיקע הייליקע אינטערעסן פאָדערן, אז די פרייהייט זאָל אין תפיסה זיצן, איז דאָס די הייליקע פליכט פון די דאָזיקע מאכטהאָבער, אין די אינטערעסן פון דעם ארבייטער קלאס, זי אהין אזוי אריינצושפארן, אז זי זאָל די ליכטיקע שיין ניט אָנקוקן.

מען האָט עס דעריבער געקאָנט ערווארטן, אז אונטער דעם באָלשעוויסטישן רעזשים, ווי אונטער יעדן אנדערן רעזשים, וואָס וועט, ווי דער באָלשעוויסטישער, זיין דער פולער אויסדרוק פון דער מארקסיסטיש־סאָציאליסטישער טעאָריע, זאָל די פרייהייט זיין אין גלות, רחמנא לצלן.

די ווירקלעכקייט פון דעם באָלשעוויזם איז אזא, ווי די, וואָס האָבן זיך לכתחילה קריטיש געשטעלט צום מארקסיסטישן סאָציאליזם, האָבן ערווארטעט און פאָראויסגעזאָגט, אז זי וועט זיין, אין אירע הויפּטשטריכן, נאטירלעך.

די באָלשעוויסטישע טאקטיק פון אומדערבארעמלעכער אונטערדריקונג פון פרייהייט פון וואָרט און פרעסע שטימט צונויף אין זין און אין גייסט מיט דעם מארקסיסטישן סאָציאליזם, וועלכער, ווי מיר האָבן שוין געזען, רעכנט זיך ניט מיט דער פרייהייט „פער סע״, נאָר מיט דעם, אויף וויפל זי דינט די אינטערעסן פון דעם ארבעטער קלאס. און ווער, אויב ניט דער אוואנגארד פון דעם ארבעטער קלאס, קאָן מאטעמאטיש און פינקטלעך באשטימען, וואָס איז יא גוט, און וואָס איז ניט גוט אין די אינטערעסן פון דעם ארבעטער קלאס; ווער, אויב ניט דער טייל זיינער, וואָס האָט זיך, לויט די אייזערנע געזעצן פון דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם, אוועקגעשטעלט ביי דעם רודער פון דער מלוכה פון לאנד.

דער פאקט אליין, וואָס זיי שטייען ביי דעם רודער, איז פאר די באָלשעוויקעס דער גרעסטער באווייז, אז זיי זענען דאָרט אוועקגעשטעלט געוואָרן דורך די אייזערנע געזעצן פון דער היסטאָרישער מאטעריאליסטישער נויטווענדיגקייט, און עס איז דעריבער זייער הייליקע פליכט אונטער אייזערנע גראטעס אוועקצוזעצן די יעניקע, וואָס שטעלן זיך קעגן דער געזעצלעכקייט פון דער היסטאָרישער נויטווענ־

דיגקייט. האָט דער עקאָנאָמישער שיקזאַל באשטימט, אז די באָלשעווי־קעס זאָלן פירן און דורכפירן די רעוואָלוציע, זענען שוין, אויף א לאָ־גישן אופן, אלע די וועלכע דענקען, אז די רעוואָלוציע דארף אנדערש געפירט ווערן — קאָנטער רעוואָלוציאָנערן, מעגן זיי אפילו האָבן די אינ־טערעסן פון דעם ארבעטער קלאַס אזוי שטארק צום הארצן ווי די באָלשעוויקעס.

וואָס פאר א באטרעף האָבן אפילו מיליאָנען הערצער, ווען עס האנדלט זיך מכח א מאטעריאליסטיש געשיכטלעכן געזעץ. און וואָס נאָך פאר א גרעסערער באוויז קאָן זיין פאר דעם, אז עס דארף אזוי זיין, ווי דאָס וואָס עס איז אזוי.

פליכט, על פי מארקסן, איז דאָך ניט מער ווי אן אָפשפּיגלונג פון דעם וואָס איז, אָדער מוז זיין. צו זאָגן פארקערט, אז עס מוז, דארף, און זאָל אזוי זיין, ווייל די פליכט דיקטירט עס, הייסט דאָך שוין צו רעדן אויף דער שפּראך פון דעם אידעאליזם, א שפּראך, וואָס פאר אים האָט דער מארקסיזם קיין אויערן ניט.

דאָס, אלזאָ, וואָס זיי, די באָלשעוויקעס, און ניט קיין אנדערע פריינט פון די ארבעטער, זענען די פּיאָנערן פון דער נייער אָרדנונג, גיט זיי, אלס מארקסיסטן, דאָס רעכט, עס לייגט ארויף אויף זיי א פליכט, אויסצוראָטן אויף אלערליי אופנים אלץ, וואָס שטעלט זיך אין וועג די אינטערעסן פון דער הייליקער רעוואָלוציע און פון דעם אר־בעטער קלאַס, ווי זיי פארשטייען זיי, און ווי זיי וועגן און מעסטן זיי אָפּ.

דאָ ניט לאנג האָט ד״ר מוקדוני מיר דערציילט, אז רעדענדיק מיט איינעם פון די הויפּט פאָרשטייער פון דעם באָלשעוויסטישן רעזשים מכח די פּאָר טויזנט פּויערים, וואָס זענען געשאָסן געוואָרן דערפאר, וואָס זיי זענען ניט נאָכגעקומען דעם באָלשעוויסטישן דעקרעט וועגן דער קאָנפיסקאציע פון זייערע תבואות, האָט אים דער פאָרשטייער געזאָגט בזה הלשון: „דאָס איז ניט דער ערשטער טעות, וואָס די געשיכטע האָט געמאכט און דאָס וועט אויך ניט זיין דער לעצטער. די געשיכטע איז פאראנטוואָרטלעך פאר אונזערע מעשים“.

אָט אזוי רעדן מענטשן, וואָס גלויבן אין געשיכטלעכער דעטערמינאציע, דערהויפּט, ווען די דעטערמינאציע איז א פּועל יוצא פון א מאטעריאליסטישער אויפפאסונג און אויף אזא אופן קאָנען די דאָזיקע מענטשן מיט דעם ריינסטן געוויסן איבערשטייגן אין רעפּרעסיעס פון פרייהייט און אין דער אויספירונג פון געזעצן און דעקרעטן דעם ברוטאלסטן מאָנארכיסטישן דעספּאָטיזם.

ווי מיט דער פרייהייט אזוי אויך מיט דער סתם מענטשלעכקייט, מיט דער מאָראלישער אויפפירונג. ניטאָ קיין מענטשלעכקייט, אן און פאר זיך, ניטאָ קיין מאָראל, וואָס זאָל זיך באציען אויף דעם בורזשוא און ארבעטער גלייך. אזא זאך, ווי אן אלגעמיינע מענטשלעכע טאט, אָדער האנדלונג, אן אלגעמיינע מאָראלישע באנעמונג, אָדער אויפפירונג איז ניט שייך. די מאָראלישקייט אָדער מענטשלעכקייט פון אן אקט הענגט אָפּ, על פּי דעם מארקסיזם און דעם באָלשעוויזם, פון דעם צעטעלע, וואָס איז אויף אים ארויפגעקלעפּט. דער זעלבער אקט, וואָס איז אוממענטשלעך, אוממאָראליש, ווען ער טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל בורזשוא, קאָן זיין שען, מענטשלעך און מאָראליש ווען עס ווערט ארויפגעקלעפּט אויף אים א נייער צעטל, פון וועלכן עס לייכטן ארויס די אותיות „א-ר-ב-ע-ט-ע-ר".

דאָס איז דער שטאנדפּונקט פון דעם רעלאטיוויזם, פאר וועלכן דער ראציאָנאליזם, סיי דער מאטעריאליסטישער, סיי דער אידעאליסטישער, האָט זיך אלע מאָל געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט.

דער באגריף, למשל, אז אויב א שפּיאָן איז א העסלעכע באשעפּעניש (און ווער קאָן דאָס אפּלייקענען?), איז ער העסלעך, ווען ער טוט די דאָזיקע מיאוסע ארבעט סיי פאר דער בורזשואזיע, סיי פאר דעם ארבעטער קלאס; סיי ווען ער טוט עס אין די אינטערעסן פון רעאקציע, סיי אין די אינטערעסן פון דעם העכסטן ראדיקאליזם, און אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציאָנערסטער סאָציאלער רעוואָלוציע אין דער וועלט.

אזא באגריף גייט ניט אריין אין דעם באנעם פון דעם מארקסיסטישן דענקען. עס איז דעריבער עכט סאָציאליסטיש, לויט דעם

מארקסיסטישן בליק, אז ווען דער ארבעטער קלאס נעמט איבער אין זיינע הענט די פאָליטישע מאכט, זאָל די שפּיאָנעריי אָנגיין ווי גאָר אין די אַלטע צייטן, און נאָך מיט א גרעסערן טעמפּאָ, אדאנק דער צערודערקייט און שטורמישקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער צייט.

און אויב עס איז אזוי מיט פרייהייט און מענטשלעכקייט, מיט רעכט און גערעכטיגקייט, מיט שענקייט און העסלעכקייט, פאר וואָס זאָל עס אנדערש זיין מיט גלייכהייט? די אבסאָלוטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע גלייכהייט איז קיינמאָל ניט אוועקגעשטעלט געוואָרן אלס ציל פאר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, קיינמאָל ניט באטראכט געוואָרן, ניט פון מארקסן און ניט פון ענגעלסן, אלס דאָס קערנדל פון דער נייער געזעלשאפטלעכער אָרדנונג.

מארקס און ענגעלס האָבן געלערנט אָבער און ווידער אמאָל, אז אין דער צייט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע דארף דער פּראָלעטאַריאט שטרעבן בלויז דערצו, אז די מאכט און הערשאפט, וואָס ליגן אין די הענט פון דער בורזשואזיע, זאָלן איבערגיין אין די הענט פון דעם ארבעטער, אזוי אז ער, אָנשטאָט דער בורזשואזיע, זאָל ווערן דער הערשנדער און רעגירנדער קלאס. דערמיט גופא, וואָס די געזעלשאפט, באשטייענד פון איין און איינציקן קלאס, דעם ארבעטער קלאס, ווערט די באזיצערין פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, ווערט א סוף צו יעדער קלאסן אָדער גרופּעס שטרייטיגקייט אין דער געזעלשאפט. דער בארימטער קלאסן קאמף ווערט א זאך פון דער פארגאנגענהייט, און רו און פרידן הויבן אָן צו הערשן צווישן אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט, צווישן אלע לענדער פון דעם ארבעטער שטאָט.

ווען א נייעם קלאסן קאמף, וואָס זאָל אויפקומען, אויב די רעוואָלוציע זאָל ניט באוויזן איינצופירן די עקאָנאָמישע גלייכהייט, האָט מארקס און ענגעלס, ווי מיר האָבן שוין געזען, ניט א טראכט געטאָן. און דערפאר האָט עס ניט געקאָנט קומען אויף דעם זין די באָלשעוויקעס צו מאכן אפילו דעם פּרווו אין דער ריכטונג פון גלייכהייט.

דער קאָמוניסטישער מאניפעסט זאָגט בפירוש, אז דער שטריך, וואָס אונטערשיידט דעם קאָמוניזם פון אנדערע „איזמען״ איז ניט דער

אָפּשאַף פון אייגנטום. דער קאָמוניזם, טענהט מאַרקס און ענגעלס, נעמט חלילה ניט אוועק ביי קיינעם די מאַכט צו מאַכן פאַר אייגנס די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטן. אַלץ וואָס ער טוט, איז נאָר דאָס, וואָס ער נעמט אוועק די מאַכט צו אונטעריאָכן די אַרבעט פון אַנדערע מיט דער הילף פון די פּראָדוקטן, וואָס ער אַפּראָפּריאירט.

ווען מיר געפינען אַלזאָ איצט, אַז אין דער באָלשעוויסטישער רוסלאַנד איז ניטאָ קיין סימן פון עקאָנאָמישער גלייכהייט, ווען מיר געפינען, אַז אַרבעטער ביי אַ געוויסער אַרבעט קריגן מער באַצאָלט, האָבן מער באַקוועמלעכקייטן איידער די, וואָס אַרבעטן ביי אַן אַנדער אַרבעט, ווען מיר דערוויסן זיך, אַז די אָנגעשטעלטע ביי דער מלוכה האָבן אַזעלכע פּריווילעגיעס, וואָס ניט קיין אָנגעשטעלטע קאָנען אפילו ניט חלומען וועגן זיי; דאַרפן מיר געדענקען, אַז אַזוי דאַרף זיין לפי דעם מאַרקסיסטישן קאָדעקס. אַזוי און ניט אַנדערש האָט עס געקאָנט איינגעפּירט ווערן פון די, וואָס זענען דאָס „זיין" און דאָס „ווערן" פון דער וועלט אין דעם ליכט פון ציוויליזאַציע און ניט אין דעם ליכט פון קולטור. אַזוי און ניט אַנדערש וועט עס אַלע מאָל און אומעטום איינגעפירט ווערן, כל זמן די אָנפירער און דורכפירער פון דער רעוואָלוציע, וועלן זיין מענטשן, וואָס וועלן גלויבן, אַז ווען די געזעלשאַפט וועט קאָנען זעטיקן אויף אַן אַנשטענדיקן שטייגער די פּרימיטיוועסטע, עלעמענטאַרסטע און נויטווענדיקסטע באַדערפענישן פון יעדן מיטגליד אירן, וועלן מיטגלידער זיין צופרידן, אַז אַנדערע מיטגלידער פון דער זעלבער געזעלשאַפט, זאָלן זייערע באַדערפענישן צופרידנשטעלן אויף אַ בעסערן און גרויסאַרטיקערן שטייגער איידער זיי, און זיי וועלן זיך אויך ניט קימערן וועגן דעם, וואָס אַנדערע האָבן די מעגלעכקייט און געלעגנהייט צו אַנטוויקלען און נאָכצוקומען נייע באַדערפענישן און געהויבענערע פאַרלאַנגען און באַגערן.

ווער עס האָט אָבער געקוקט פון אַ קולטור שטאַנדפּונקט אויף מענטשן און אויף זיינע באַציהונגען צו זיך און צו אַנדערע, ווער עס לייענט די מענטשלעכע געשיכטע אין דעם ליכט פון דער בכורה און ניט אין דעם ליכט פון די לינזן, דער האָט געקאָנט מיט דער גרעסטער זיכערקייט פּראָגנאָזירן, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס וועט

פון דעם ערשטן מאָמענט אָן ניט פּראָקלאמירן די אבסאָלוטע גלייכ־הייט, עקאָנאָמישע און סאָציאלע, פאר אלע מענטשן, וואָס שטעלן צו־נויף די געזעלשאפט, וועט ניט ברענגען קיין גליק און קיין צופרידנ־קייט צו די יעניקע, אין וועמענס אינטערעסן, אין וועמענס נאָמען און מיט וועמענס כחות און אָפּפערווילּיגקייט די רעוואָלוציע ווערט גע־מאכט.

## 2

אין דעם רעפעראט, וואָס עדואַרד בערנשטיין האָט געהאלטן אין מערץ 1913 אויף דער טעמע: „דאָס בלייבנדע אין מארקסיזם״, זאָגט ער (זע „צוקונפט״, מאי 1923):

„מיט דעם פעסטגעשטעלטן פאקט, אז דער פראָלעטאריאט וואקסט אין אלע לענדער און ווערט ביסלעכווייז דער צאָלרייכסטער געזעלשאפטלעכער קלאס, פארבינדט מען אָפט נאָך א פראגע.

מען פרעגט געווענלעך: איז טאקע ריכטיק מארקס אויסגעשפראָכענע מיינונג, אז דער ארבעטער קלאס ווערט אלץ מער פאראָרעמט אונטער דער הערשאפט פון קאפיטאל? אויב מען זאָל אָננעמען דעם וואָרט „פאראָרעמט״ אין אבסאָלוטן בוכשטעבלעכן זין, אז די ארבעטער פאלן אריין אלץ ווייטער אין א גרעסערן עלענד, וועלן מיר מוזן זאָגן: אזא פאראָרעמונג פון ארבעטער קלאס אין אנטוויקלטע לענדער קומט ניט פאָר.

אָבער עפעס אנדערש קומט יאָ פאָר. און דאָס איז דער וואקסנדער אונטערשייד אין דער סאָציאלער לאגע פון די קלאסן. א דערווייטערונג צווישן די קלאסן. פריער האָבן מיר געגלויבט, אז מען קאָן פארגלייכן די געזעלשאפטלעכע פיראמידע צו א פלאַש, איצט קאָנען מיר עס בילדלעך פארגלייכן צו א הארמאָניק, וואָס ווערט געצויגן פון ביידע זייטן און וואָס שטארקער מען ציט, אלץ מער דערווייטערט זין איין טייל פון צווייטן. דאָס גיט אונז א קלאָר בילד וועגן דער באוועגונג פון די גרופעס איינקונפטן אין דער היינטיקער געזעלשאפט. עכ.

ווייזט אונז דעם גרויסן חילוק צווישן דעם איינקונפט פון דער ארבע-טער באפעלקערונג און די ריזיקע הכנסות פון דעם אויבערשטן טייל, די רייכע לייט. אָט דער חילוק ווערט אלע מאל גרעסער, ווען אפילו די צאָל באזיצנדע ווערט ניט קלענער, ווערט אָבער דער סאָציאלער חילוק אלץ גרעסער, און אלץ מער וואקסן אויך די פאָדערונגען פון לעבן".

אויב, אלזאָ, עס האנדלט זיך ניט וועגן מער אָרעמקייט, נאָר וועגן א גרעסערן קאָנטראסט אין דעם עקאָנאָמישן זיך לאָזן וואויל גיין צווישן גרופּעס און קלאסן אין דער געזעלשאפט — פרעגט זיך טאקע ווידער און אָבער אמאָל די פראגע: וואו איז די גאראנטיע אין דעם מארקסיסטישן סאָציאליזם, אז אין דער צוקונפטיקער אָרדנונג וועט דער סאָציאלער חילוק זיין א קלענערער, ווי ער איז אין דער קאפּיטאליסטישער געזעל-שאפט? אויב עס איז ניט קיין פראגע פון אן אבסאָלוטן יאָ און ניט האָבן, נאָר פון א רעלאטיוון מער און ווייניקער האָבן פאר דעם אנדערן, וועט דאָך זיכער דער סאָציאלער חילוק ניט פארשווינדן בלויז דערפאר, וואָס די פּראָדוקציאָנס מיטלען וועלן ווערן דער אויסשליסלעכער באזיץ פון דער געזעלשאפט; דען כל זמן די געזעלשאפט שאפט ניט אָפּ יעדע מעגלעכקייט פאר פריווילעגירטע פּאָזיציעס אין דער געזעלשאפט, כל זמן זי פירט ניט איין קיין אבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט, בלייבן דאָך אויך אויף ווייטער אלע געלעגנהייטן און מעגלעכקייטן פאר איין טייל פון דער געזעלשאפט צו פארנעמען א העכערע אָדער שטארקערע פּאָזיציע פאר דעם אנדערן טייל, און עס בלייבט אן אָפענער וועג פאר איין טייל פון דער געזעלשאפט צופרידנצושטעלן, וואָס בערנשטיין רופט אָן די וואקסנדע פּאָדערונגען פון לעבן אויף א סך בעסערן און א שענערן אופן, ווי דאָס קאָן באווייזן צו טאָן דער אנדערער טייל פון דער זעל-בער געזעלשאפט. און מיט דעם אומאויפהערלעכן וואוקס פון די פּאָ-דערונגען פון לעבן — וואָס אים באטראכט בערנשטיין, ווי יעדער איינ-ציקער מארקסיסט, פאר א וויכטיקן קולטור פאקטאָר — וועט אויך ברוך השם וואקסן דער סאָציאלער חילוק. און וואו נאָר דער סאָציאלער חילוק עקזיסטירט דאָרט קאָן שוין די פרייהייט דעם ניט כאפּן, מעגן

די פּראָדוקציאָנס מיטלען געהערן צו פּריוואטע מענטשן אָדער צו דער געזעלשאפט אלס א גאנצעס.

אן עקספּראָפּריאציע, דעריבער, פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען אָן דער פעסטשטעלונג פון אן אבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט און אָן דעם אריינפיר פון אבסאָלוטער פּאָליטישער פרייהייט, מיינט בלויז אן אויסלייזונג פאר דעם איצט עקזיסטירנדן ארבעטער קלאס, א דערהויבונג צו גדולה און מאכט פאר די, וואָס זענען אין דעם איצטיקן מאָמענט פארשקלאפט און אונטערדריקט, אָבער בשום אופן ניט פאר אלע מאָל, פאר אלע ארבעטנדע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט. מחמת עס איז א פראגע בלויז פון אביסל צייט, און די געזעלשאפט, די אייגענטימערין פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען שפּאלט זיך פון דאָס ניי אויף צוויי קלאסן: א קלאס מיט פּריווילעגיעס און א קלאס אָן פּריווילעגיעס, א קלאס וואָס געניסט מער און א קלאס וואָס געניסט ווייניקער. און פון דאָס ניי אנטשטייט דער אנטאָגאניזם און מיר האָבן טאקע א רעוואָלוציע, אָבער בשום אופן ניט דאָס, וואָס מען פילט און פארשטייט אונטער דעם אויסדרוק סאָציאלע רעוואָלוציע.

די אמתע סאָציאלע רעוואָלוציע פאָדערט, לויט אונזער מיינונג, אז די דריי דעקרעטן זאָלן איינצייטיק פּראָקלאמירט ווערן. די דאָזיקע דריי דעקרעטן זענען: 1) די פארגעזעלשאפטליכונג פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, 2) די אבסאָלוטע גלייכהייט פון עקאָנאָמישן באזיץ און 3) די אבסאָלוטע פרייהייט פון מינדלעכן און שריפטלעכן אויסדרוק.

ווען די אָנפירער פון די רעוואָלוציעס וועלן זיין דורכגעדרונגען מיט דעם געדאנק און דעם געפיל, אז אָן עקאָנאָמישער גלייכהייט קאָן קיין פּאָליטישע פרייהייט ניט זיין און אז אָן גלייכהייט און פרייהייט קאָן קיין געזעלשאפט אין דער וועלט לאנג ניט געדויערן, מעג איר אינדוסטרי געפירט ווערן אויף דעם גרעסטן מאסשטאב, און מעג זי האָבן אלע מעגלעכקייטן אויף צופרידן צו שטעלן די מאטעריעלע באדערפנישן פון די מיטגלידער; ווען זיי, אלס די בויער פון דער נייער געזעלשאפט, וועלן באגרייפן, ווי אונז דוכט זיך, דעם דאָזיקן סאמע איינפאכסטן און קלאָרסטן אמת, און ווען דער דאָזיקער אמת וועט ווערן א טייל פון

דיער גאנצן איך, וועלן זיי גלייך פון אָנהויב אָן פראָקלאמירן און דעקלארירן די דאָזיקע פרינציפּן פון פרייהייט און גלייכהייט אלס די הייליקסטע. דערמיט אליין וועלן די דאָזיקע פרינציפּן אָנהויבן אריינגיין אין דעם בלוט און אין דעם פלייש, אין דעם זאפט און אין דעם מארך פון דער באשעפעניש, וואָס רופט זיך נייע סאָציאלע אָרדנונג, זיי וועלן ווערן די פונדאמענטן און די קערנדלעך פון די נייע אינסטיטוציעס, וועלכע וועלן שפּילן די גרויסע ראָלע אין בילדן און פאָרמירן די צוקונפטיקע וואָרטזאָגער און טאטן-טוער פון דער געזעלשאפט.

די אָנפירער פון די איצטיקע רעוואָלוציעס פארשטייען אויך, אזוי יעדנפאלס זאָגן זיי, אז די דאָזיקע פרינציפּן זענען שען און דערהויבן; זיי לאָזן זיך אָבער נאָך ניט אריינוועבן אין די יסודות פון דעם געזעלשאפטלעכן לעבן. „עס איז אוממעגלעך" דאָס איז דער ענטפער אויף דער טענה: פאר וואָס גיט איר ניט דאָס רעכט יעדן זיין מיינונג און איבערצייגונג אויסצודריקן, פאר וואָס זעט איר ניט, אז איין מיטגליד זאָל עקאָנאָמיש ניט זיין מער ווערט און סאָציאל העכער פאר דעם צווייטן.

דער אמת איז דאָך אָבער, אז וואָס עס איז אין דער ווירקלעכקייט מעגלעך אָדער אוממעגלעך, וואָס עס איז יאָ אָדער ניט דורכפירבאר אין לעבן הענגט אָפּ זייער פיל, און זייער אָפּט אינגאנצן, פון דער שטעלונג, וואָס מיר נעמען צו זאכן, פון די נייגונגען און שטימונגען איינגעבוירענע און דערוואָרבענע, וואָס פילן אָן, פון קיין אויג ניט געזענע קעמערלעך פון אונזער נשמה.

עס איז אויך נאטירלעך, אז די מאטעריאליסטישע וועלטאָנשויאונג זאָל האָבן געוועזן דערפירט דעם באגריף פון אוממעגלעכקייט ביז צום העכסטן גראד. דען די מאטעריע מיט אלע אירע אייזערנע געזעצן צווינגט דאָך גלייך ארויף אויף אונז דעם איינדרוק פון באגרענעצקייט, באשטימקייט און נויטווענדיגקייט, און שטעלט אוועק „די זיך אליין דרייענדיקע שווערד" ביי די טויערן פון לאנד, וואו די אוממעגלעכקייט ווערט מעגלעך.

און מהאי טעמא, אפשר, האָבן די גרויסע פילאָזאָפן און קינסטלער קיין מאָל ניט געקאָנט זיך אונטערשרייבן אונטער דער מאטעריאליסטישער-

יועלטאָנשויאונג, דען זיי האָבן געמוזט פילן, אין די מאָמענטן פון ווייער אינטענסיווער שאפונג, א כח אין זיך, וואס איז ניט באגרענעצט און וואָס קאָן, בשום אופן ניט, אונטערוואָרפן ווערן צו באשטימטקייט און נויטווענדיגקייט, וועלכע ליגן פארבאָרגן אין א וועלט, וואָס איר תוך און תמצית איז שטאָף, וועלכער אָטעמט ניט, און קראפט, וועלכע דענקט ניט און פילט ניט, און האָט ניט קיין ווילן, און ממילא קיין צילן און צוועקן — קורץ, אין א וועלט, וואָס ווייסט ניט פון זין און ווערט.

דער גלויביקער מארקסיסט וועט קיינמאָל ניט באגרייפן, אז די אומגערעכטיגקייט איז שרייענד ניט נאָר, ווען איין קלאס לעבט אויף דער ארבעט פון דעם אנדערן קלאס, נאָר אויך יעמאָלט, ווען איין קלאס אין דער געזעלשאפט לעבט עקאָנאָמיש בעסער, פּאָליטיש פרייער און סאָציאל העכער איידער דער אנדערער קלאס. די אָנהענגער פון דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם וועלן זיך ניט נעמען די מי א קלער צו טאָן, אז די מיליאָנען, וואָס דער בורזשואַ קלייבט פון דער פראצע פון דעם ארבעטער, מיינען צו אים אזוי פיל, ניט צוליב דעם, וואָס זיי מאכן מעגלעך פאר איר צו פירן א לעבן פון לוקסוס, נאָר צוליב דעם, וואָס זיי מאכן אים צו פילן מעכטיקער, העכער און איינפלוסרייכער פאר דעם אנדערן.

פיר הויפט טעסטן, דענקט ראָסעל, קאָנען אָנגעווענדט ווערן אין דעם אורטייל איבער אן אינדוסטריעלער סיסטעם, סיי איבער דער, אונטער וועלכער מיר לעבן איצט, סיי איבער דער, וואָס ווערט פאָרגעשלאָגן פון די, וואָס ווילן איבערהאנדערשן די געזעלשאפט.

עס דארפן גענומען ווערן אין באטראכט די פיר פאָלגענדע פראגן:

1) פארזיכערט די דאָזיקע סיסטעם א מאקסימום פון פּראָדוקטיוויטעט ?

2) פארזיכערט זי גערעכטיגקייט פון דער פאנאנדערטיילונג ?

3) שאפט זי אן ערטרעגלעכע עקזיסטענץ פאר די פּראָדוצירער ?

4) גאראנטירט זי די גרעסטע מעגלעכע פרייהייט און אָנטרייב צו וויטאליטעט און פּראָגרעס ?

פאר דעם מארקסיסטישן סאָציאליזם אין דער טעאָריע, און פאר

דעם באָלשעוויזם אין דער פּראַקטיק, איז וויכטיק, ווי מיר האָבן געזען, בלויז צוויי זאַכן אין דער סאָציאַלער סיסטעם, און דאָס איז: די מאַקסימום פון פּראָדוקציע און די ערטרעגלעכע עקזיסטענץ פון די פּראָדוצירער. אין דעם בוך „דער אלף בית פון דעם קאָמוניזם" זאָגן אונז די מחברים, באַקאַנטע רוסישע באָלשעוויקעס — בוכאַרין און פּרעאָבראַזשענסקי — אַז די קאָמוניסטישע פאָרם פון פּראָדוקציע וועט באַטייטן אַן אומגעהויער גרויסע אַנטוויקלונג פון פּראָדוקטיווע כחות. דאָס מיינט, אַז אויף דעם חלק פון יעדן אַרבעטער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועט אויסקומען וועניקער אַרבעט איידער פריער. דער אַרבעטס טאָג וועט זיך פאַרקירצן, און מענטשן וועלן זיך באַפרייען אַלץ מער פון די קייטן, וואָס די נאַטור האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט.

דער מאַרקסיזם און באָלשעוויזם אָדער קאָמוניזם פאַרגעסן אָבער, און אפשר האָבן זיי דאָס גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז פון אַ קולטור שטאַנדפּונקט, פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס רעכנט זיך מער מיט דער נשמה פון דעם מענטשן איידער מיט זיין גוף, מיט זיין גייסטיקן געמיט מער איידער מיט זיין עקאָנאָמישן צושטאַנד, — פון אַזאַ שטאַנדפּונקט זענען די קייטן, וואָס די נאַטור לייגט אַרויף אויף דעם מענטשן ניט אַזוי שווער ווי די קייטן, וואָס די געזעלשאַפט, אָדער אַ טייל פון איר לייגט אויף אים אַרויף. צרות רבים חצי נחמה איז אַ גרויסער, גרויסער אמת. און אויב די צרות פון פילע זענען אַ האַלבע טרייסט, זענען די צרות פון אַלע אַ גאַנצע טרייסט.

און אויב די רעליגיע האָט מיליאָנען מענטשן געהאָלפן גרינגער אַריבער צו טראָגן זייערע ליידן און שמערצן, איז עס אויך געוועזן דערפאַר, וואָס דער גלויביקער האָט מיט זיין פולן באַוואוסטזיין און רוהיקן געוויסן געקאָנט זאָגן: „גאָט וויל דאָס אַזוי, מסתמא דאַרף עס אַזוי זיין". אין דעם דאָזיקן גלויבן, אַז עס איז גאָטס האַנט, וואָס שטראָפט, און ניט די האַנט פון דעם מענטשן וואָס איז זיך נוקם, האָט ער אַ גרויסע טרייסט און דערלייכטערונג געפונען.

קיין וואונדער ניט דעריבער, וואָס אַלע ביוראָקראַטישע רעגירונגען און פאָרשטייער פון קאַפּיטאַליזם זענען אַלע מאָל געוועזן זייער באַ-

זאָרגט וועגן דעם, אז דער המון, דער גרעסטער עולם, וואָס דארף ליידן
פון דער געזעלשאפטלעכער אומגלייכהייט און אומגערעכטיגקייט, זאָל זיין
א גלויביקער. און אזוי לאנג ווי געזעלשאפטלעכע אומגלייכהייט וועט ניט,
מיט דעם וואָרצל אויסגעריסן ווערן פון צווישן די מענטשן, אזוי לאנג
וועלן די, וואָס וועלן שטיין אין דער שפיץ פון דער געזעלשאפט זאָרגן
זייער שטארק פאר דעם, אז די מאסע זאָל גלויבן אויב ניט אין קיין
גאָט, איז אין עפּעס אנדערש, וואָס זיי וועלן דערקלערן אלס הייליק. צו
איין צייט וועט עס זיין די סאָציאלע רעוואָלוציע, צו אן אנדער צייט
דאָס נאציאָנאלע הייליקטום, צו א דריטער צייט די דיקטאטור פון דעם
פּראָלעטאריאט, און גאָר צולעצט, דער שווער געוואונענער, דורך בלוט
דערוואָרבענער סאָציאלער רו און פרידן. דאָס ווערט געטאָן פון די גע-
זעלשאפטלעכע טוער, און זייער אָפט אויף א גאנץ אומבאוואוסטן אופן,
און נאָך אָפטער מיט די ערלעכסטע און איידלסטע אבזיכטן אין דער
וועלט, בלויז כדי צו בארעכטיקן די אונטערדריקונגען און אומגערעכטיג-
קייטן, וועלכע מוזן באגאנגען ווערן אין א געזעלשאפט, וואָס בויט ניט
איר אָרדנונג אויף די יסודות פון אבסאָלוטער פרייהייט און גלייכהייט —
די צוויי העכסטע אויסדרוקן פון גערעכטיגקייט און מענטשלעכקייט.

מעגן מענטשן ארבעטן ווי ווייניק שטונדן א טאָג אונטער דער הוי-
כער און אינטענסיווער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות, מעגן זיי
האָבן ווי גענוג פאר דער צופרידנשטעלונג פון זייערע נויטיקע באדערפ-
נישן, וועלן זיי זיך גליקלעך און צופרידן ניט פילן, אויב נאָר אין דער-
זעלבער געזעלשאפט וועלן זיין מענטשן, וואָס וועלן ארבעטן נאָך ווייניקער
און נאָך גרינגער, און ביי אן ארבעט, וואָס איז ניט אזוי ריזיקאליש, און אויב
נאָר עס וועלן זיין אין דער געזעלשאפט מענטשן, וואָס וועלן קאָנען מער און
בעסער צופרידנשטעלן זייערע באדערפנישן, און אודאי און אודאי וועלן זיי
ניט זיין צופרידן און גליקלעך אויב עס וועלן זיין אין דער געזעלשאפט
אזעלכע, וואָס וועלן האָבן די דעה און די מאכט, אוך אזעלכע, וואָס
וועלן עס ניט האָבן, און די וואָס וועלן האָבן די דעה און די מאכט
וועלן, אויף א נויטווענדיק לאָגישן און פּסיכאָלאָגישן אופן, אויסנוצן זיי
אויף צו אונטערדריקן די מיינונגען און איבערצייגונגען פון די, וואָס

האָבן ניט די דעה און ניט די מאַכט.

פאַראַן, לויט אונזער מיינונג נאָך, און ווי מיר דענקען מוז דאס זיין די מיינונג פון אלע די, וואָס קוקן אויף די וועלט געשעענישן דורך די ברילן פון קולטור, נאָר איין און איינציקער וועג, ווי אזוי נאָך א סאָציאַלן איבערקער פטור צו ווערן פון דעם קלאסן אנטאָגאניזם. פאַראַן, ווי מיר דענקען, נאָר איין און איינציקער וועג, ווי אזוי צו מאכן די קומענדע רעוואָלוציע פאר אן אמתע סאָציאַלע רעוואָלוציע, און דאָס איז, אז העכער איבער אלץ זאָל אוועקגעשטעלט ווערן דער לאָזונג פון פרייהייט און גלייכהייט. אין דער נייער אָרדנונג, נאָך דער סאָציאלער רעוואָלוציע, זאָל הויפט געוויכט געלייגט ווערן ניט אויף דעם מאקסימום פון דער פּראָדוקציע און ניט אויף דער ערטרעגלעכער עקזיסטענץ פון די פּראָדוצירער, נאָר קודם כל אויף דער גערעכטיגקייט פון דער פאנאנדערטיילונג פון די פּראָדוקטן, וואָס דאָס מיינט ניט קיין אנדער זאך, ווי די גלייכע פאנאנדערטיילונג, און אויף דער אבסאָלוטער פרייהייט פון אויסדרוק פון מיינונגען און איבערצייגונגען, וואָס אָן איר קאָן קיין געזעלשאפט ניט לאנג לעבן און פּראָגרעסירן.

דער קאָמוניסטישער מאניפעסט זאָגט אונז, אז דער חילוק צווישן א בורזשואזער געזעלשאפט און א קאָמוניסטישער באשטייט דערין, וואָס אין דער בורזשואזער געזעלשאפט איז די לעבעדיקע ארבעט נאָר א מיטל אויף צו פארמערן די אָנגעזאמלטע ארבעט, אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט איז זי נאָר א מיטל אויף צו פארברייטערן, רייכער און שענער צו מאכן די עקזיסטענץ פון די ארבעטער.

מיר קאָנען זיך שוין אָבער היינט צו טאָג פאָרשטעלן, אז אין די אינטערעסן פון דער אָנגעזאמלטער ארבעט גופא, אין די אינטערעסן הייסט עס פון קאפיטאל אליין, זאָל זיך עס לוינען דער בורזשואזער געזעלשאפט, אזוי צו פארברייטערן, אזוי הויך און שען מאכן דעם אָרט לעבן פון די ארבעטער, ווי וועלכע עס איז סאָציאַליסטישע געזעלשאפט וועט עס ווען עס איז קאָנען באווייזן. פונדעסטוועגן, וועט די בורזשואזע געזעלשאפט פון א קולטור שטאנדפונקט אלע מאָל פארדאמט ווערן, ווייל דער קולטור גייט עס ניט אין דעם אויסערלעכן

פראכט און גלאנץ, אין דעם מער אָדער ווייניקער פון באקוועמלעכ-
קייטן און לוקסוסן; איר גייט עס אין דער אינערלעכער איבערלעבונג,
אין דעם אינערלעכן פילן פון גליקזעליגקייט אָדער קלולהדיגקייט. אויף
אזוי פיל וויפל עס איז אמת, אז דער געזונטער גייסט נויטיקט זיך אין
א געזונטן קערפער, אויף אזוי פיל איז אויך די קולטור פאראינטערע-
סירט דערין, אז די געזעלשאפט זאָל האָבן גענוג ברויט מיט פוטער
און קארטאָפל מיט שמאלץ פאר אירע מיטגלידער. די קולטור לאָזט
אָבער אויך פון אויג ניט ארויס דעם פאקט, אז דער גוף פון א הער-
קולעס איז דוקא ניט קיין גייסטיקער מעדיום, וואָס דורך אים זעצט
זיך דורך דער גייסט פון א שפינאָזע אָדער א קאנט, פון א געטע
אָדער א טאגאָר. און דערפאר דארף דער גייסט גאנץ באזונדער צו-
געזען ווערן, ער דארף ווי דער שווארץ-אפל פון אויג אָפגעהיט ווערן,
כדי די ליכטיגקייט פון דער וועלט זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן... עס
איז דעריבער זייער נויטיק און דרינגענד, אז דאָס ביסל ברויט מיט
פוטער און קארטאָפל מיט שמאלץ, וואָס די געזעלשאפט פארמאָגט,
זאָל גלייך פאנאנדערגעטיילט ווערן צווישן אירע מיטגלידער, ווייל אויב
ניט, ליידט דערפון דער פרינציפ פון גערעכטיגקייט און, וואו אומגע-
רעכטיגקייט איז פאראן, דאָרט מוז אויך זיין אונטערדריקונג, און בעת
די גרעסטע ציוויליזאציע קאָן געמאָלט זיין אונטער אומגערעכטיגקייט
און אונטערדריקונג, קאָן אָבער דאָרט קיין קולטור ניט געמאָלט זיין.
די קולטור איז ניט, ווי די ציוויליזאציע, בלויז א פראָדוקט פון דעם
אינטעלעקט. זי איז עפעס אזעלכעס, אין וואָס אלע אויסגוסן און אלע
אויסדרוקן פון דער נשמה טרעפן זיך צונויף. קולטור אידענטיפיצירט
זיך מיט אזעלכע אויסדרוקן פון גייסט, ווי גערעכטיגקייט און פריי-
הייט, מאָראל און עסטעטיק, אמת און גוטסקייט — און מיט דער גוטס-
קייט אפשר מער איידער מיט אלע איבעריקע אויסדרוקן.

אויף אזוי וויית ווי דער קלאסן קאמף ווערט געפירט אין דער לי-
ניע פון דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם און מאטעריאליסטישן ראציאָנא-
ליזם און ניט אין דער ליניע פון גייסטיקער באשטימונג און אינטואיטיוון
אידעאליזם, אויף אזוי וויית ווי דער דאָזיקער קאמף ווערט באגאַנגען מיט

די שטראַלן פון דעם ליכט פון ציוויליזאציע אָנשטאָט מיט די שטראַלן פון דעם ליכט פון קולטור, אויף אזוי ווייט וועט דער דאָזיקער קאמף ניט פירן צו דעם סאָציאַליזם, צו וועלכן די מאסע שטרעבט אינטואיטיוו, און אויף וועלכן זי האָפט אינסטינקטיוו, צו דעם סאָציאַליזם, וואָס דארף און מוז ברענגען פריער פון אַלץ פרייהייט און גערעכטיגקייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. און אויף אזוי ווייט ווי דער באָלשעוויזם גייט, ווי מיר האָבן געזען, אין די פיס-טריט פון מארקס און ענגעלס, אויף אזוי ווייט ווי ער קוקט דורך די זעלבע ברילן אויף די שייכותן אין דער אומענדלעכער דרייעקיגקייט פון מענטש, נאטור און גאָט, אויף אזוי ווייט וועט ער ניט קאָנען זיין דער יעניקער, וואָס וועט ארויספירן דאָס רוסישע פאָלק, אָדער גאָר די גאנצע וועלט, פון דער מדבר, אין דעם לאנד, וואָס „טריפט מיט מילך און האָניק״, ניט ער וועט עס קאָנען זיין דער יעניקער, וואָס וועט ברענגען די סאָציאַליסטישע גאולה אויף דער וועלט.

די רעוואָלוציעס, וואָס זענען אריינגעבראכט געוואָרן לעצטנס אין דער פילאָזאָפיע, קונסט און וויסנשאפט פאָדערן, אז א גאנץ נייע באַ-גרינדדונג זאָל געגעבן ווערן צו אלע סאָציאַלע ענדערונגען און איבער-קערענישן, גאנץ נייע גרונדלאגן פאר אלע טעאָריעס און היפּאָטעזן פון א נייער סאָציאַלער אָרדנונג.

אויף אזוי פיל וויפל דער באָלשעוויזם מיט זיין אומגעהויערן שטארקער אָנשטרענגונג צו רעאליזירן דעם מארקסיסטישן אידעאל וועט עפענען די אויגן פון אלעמען צו דער פאלשקייט פון דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם, צו דער פוסטקייט און אינהאלטסלאָזיגקייט פון דעם קאָסמישן און היסטאָרישן מאטעריאליזם, צו דער נשמה און זאפטלאָ-זיגקייט פון דעם ראציאָנאליזם און דעם רעלאטיוויזם, אויף וויפל ער וועט דינען אלס אן אָנשטויס פאר דעם, אז דער קלאסן קאמף זאָל אין דער צוקונפט געפירט ווערן אין דער ליניע פון קולטור אָנשטאָט ציוויליזאציע, אויף אזוי פיל קאָן ער באטראכט ווערן אלס א פּראָגרע-סיווע באוועגונג. ער איז עס דאָס ריקווערטס גייענדע פאסיקל אין דער זיגזאג ליניע פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס. דער באָלשעוויזם וועט

פריער אָדער שפּעטער צווינגען אַלע סאָציאַל פּאָליטיקער און רעוואָלוציאָנערן פון די מענשעוויקעס ביז צו די אַנאַרכיסטן — און די אַנאַרכיסטן גופא אַריינגערעכנט — צו רעווידירן די גרונדלאַגן פון זייערע וועלט אָנשויאונגען. מיר זאָגן „פריער אָדער שפּעטער", ווייל עס איז דאָך גאַנץ מעגלעך, אַז פון דעם עקספּערימענט אין רוסלאַנד אַליין בלויז וועלן די סאָציאַליסטן, דערהויפּט די מאַרקסיסטיש-געזאָנענע, נאָך ניט וועלן זיך אַראָפּנעמען קיין מוסר. אין רוסלאַנד, וועלן זיי טענהן מיט זיך אַליין, האָט עס אַלץ אַזוי פּאַסירט, ווייל רוסלאַנד איז לכתחילה ניט געווען, פון אַן עקאָנאָמיש-דעטערמיניסטישן שטאַנדפּונקט, דאָס לאַנד, וואו דער סאָציאַליזם זאָל צום ערשטן מאָל איינגעפירט ווערן. עס וועט אָבער מסתמא ניט נעמען זייער לאַנג און עקספּערימענטן פון דעם זעלבן שניט וועלן געמאַכט ווערן אין נאָך אַ פּאָר לענדער און די רעזולטאַטן וועלן, אין אַלגעמיין גענומען, זיין די זעלבע, און די רעוויזיע פון די גרונדלאַגן פון די ראַדיקאַלע סאָציאַלע אָנשויאונגען וועט מיט גרויס אימפּעט אַריינדרינגען אין די מוחות פון די מכל המינים סאָציאַליסטן. אין דעם ליכט פון דער נייער ווענדונג אין דעם מענטשלעכן געדאַנקען-גאַנג, איז אַזאַ רעוויזיע אומפאַרמיידלעך...

---

# דריטער טייל

## גרונדלאגע פון דעם ניי־סאציאליזם

## 1

אין דעם רעפעראט, וואָס מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, גיט עדוארד בערנשטיין צו, אז „צופעליק האָבן מארקס און ענגעלס און נאָך מערער אייניקע פון זייערע תלמידים—איך קאָן אפילו זאָגן, אז אלע, און יעדנפאלס קאָן איך זיך ניט ארויסנעמען,—איבערטריבן דעם באשטימענדן כח פון דער פּראָדוקציע און פון די פּראָדוקציע מיטלען אין סאָציאלן לעבן. מיר האָבן דעם געדאנק צוגעגעבן אן אבסאָלוטן כאראקטער, אלענפאלס האָבן מיר באטראכט די פּראָדוקציע פאר א גאָר זעלבסטווירקנדן פאקטאָר, ווען אין דער אמתן ווירקט די רעכטלעכע לאגע, די זיטן, די אידעאָלאָגיע א. ז. וו. אויך אויף דער פּראָדוקציע".

בערנשטיין קאָן זיך, אָבער, נאָך אלץ ניט אָפּזאָגן פון דעם געדאנק, אז דאָס עקאָנאָמישע לעבן איז דער יסוד, וואָס צו אים קאָנען צוריקגעפירט ווערן אלע פּאָליטישע און סאָציאלע ענדערונגען אין דער געזעלשאפט, און, דעריבער, באטראכט ער נאָך אלץ די מאטעריאליסטיש באגרינדעטע סאָציאָלאָגישע אנטוויקלונגס טעאָריע אלס איינעם פון די בלייבנדע עלעמענטן אין דעם מארקסיזם.

מיר וועלן דאָ ברענגען א פּאָר אויסצוגן פון דעם רעפעראט, וועלכער, ווי עס זעט אויס, איז גאָר ניט לאנג איבערגעגעבן געוואָרן צום דרוק, און מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף יעדן אויסצוג באזונדער.

אויסצוג נומער איינס לויטעט:

„די ווערקצייג באשטימען אָבער די מעטאָדן פון דער ארבעט.

און זיי ענדערן זיך צוזאמען מיט די אויסבעסערונגען אין די פראָדוק־ציע־מיטלען. די ווערקצייג באשטימען אויך דעם ארבעטס אופן פון דעם מענטשן גופא, וואָס נעמט מיט דער צייט אָן א קאָלעקטיוון כא־ראקטער. דאָס וואָס דער מענטש באהערשט די נאטור מיט דער הילף פון ווערקצייג האָט געגעבן א מעגלעכקייט מערער מענטשן צו וואוינען אויף דעם זעלבן שטח ווי פריער, און אומדירעקט האָט עס געווירקט אויף דער אָרגאניזאציע און דעם צונויפשטעל פון דער געזעלשאפט, אויף דער דיכטקייט פון דער באפעלקערונג, און מחמת מער מענטשן האָבן זיך אינטימער איינגעלעבט, איז געוואָרן מער ארבעט, מער אויס־טויש, האָט עס געווירקט אויפן רעכטלעכן צושטאנד, אויף די זיטן און אויף דער קולטור בכלל”.

נו, לאָמיר אָננעמען, אז די ווערקצייג טוען אויף אלץ דאָס, וואָס בערנשטיין, גייענדיק אין די וועגן פון מארקסן, שטעלט זיך פאָר, אז זיי זענען ביכולת צו טאָן, איז נאָך אלץ אָבער דערפון ניט געדרונ־גען, אז זיי ווירקן אויף דער קולטור בכלל, אויב מען פארשטייט אונ־טער קולטור די אויפטוהונגען פון דעם אוניווערסאלן און מענטשלעכן גייסט, וועלכע טרייבן דעם מין מענטש צו א העכערער מדרגה פון מענטשלעכקייט, צו א טיפערן און מער ארומנעמענדן גייסטיקן אינ־האלט, צו א טיפערן אריינבליק אין דער מהות פון דער וועלט און א נאָנטערער אינטימלעכקייט מיט דער אוניווערסאלער פארנונפט. מחמת, אין דעם דאָזיקן זין—און דאָס איז דער זין, וואָס דער צוואָנציקסטער יאָרהונדערט האָט געשאפן פאר קולטור—זענען די ווערקצייג, אלס ער־פינדונגען און אויסטראכטונגען פון דעם מענטשלעכן גייסט, א פועל יוצא פון דער קולטור, און אלס אזעלכער דורכאויס פון איר אָפּהע־ניק. זי, די קולטור, אלזא, ווירקט אויף דעם עקאָנאָמישן לעבן אזוי גוט ווי אויף דעם פּאָליטישן לעבן, אויף די זיטן אזוי גוט ווי אויף די באגריפן. אלס פארשיידענע אויסדרוקן פון איינער און דערזעלבער קולטור, ווירקט, נאטירלעך, איין אויסדרוק אויף דעם אנדערן, דאָס עקאָנאָמישע לעבן אויף דעם פּאָליטישן און צוריק, די זיטן אויף די באגריפן, און די באגריפן אויף די זיטן און אלע אינאיינעם ווערן זיי־

נעווירקט און ווירקן צוריק אויף דער תּמצית פון דעם וועלט-אל. און די וועלט תּמצית און איר אויסדרוק קולטור אלס גאנצעס קאָן באטראכט ווערן ווי א זעלבסטשטענדיק ווירקנדער פאקטאָר. און דערהויפט איז ניט שייך צו רעדן וועגן זעלבסטשטענדיגקייט דאָרט, וואו עס איז ניט פאראן קיין זעלבסט. און א זעלבסט איז פאראן נאָר דאָרט, וואו עס איז פאראן א גייסט. צו רעדן וועגן גייסטלאָזע ווערקצייג און גייסטלאָזע פראָדוקציאָנס מיטלען בכלל ווי ווירקנדע און באשטימענדע פאקטאָרן, איז לויט אונזער מיינונג, א פשוטער אומזין. און אין דער דענקענדער וועלט האָט זיך שוין טאקע געשטעלט די פראגע: ווי קומט עס, וואָס באדייטנדע דענקער האָבן געקאָנט פאר א ווײַלע אפילו זען א זין אין אזא אומזיניגקייט?

„פון דער פאָלקאָמענהייט און דינסטפעהיגקייט פון ווערקצייג", זאָגט אונז ווייטער בערנשטיין, „הענגט אָפּ די הערשאפט פון דער מענטשהייט איבער דער נאטור. דער ערשטער מענטש, כּל זמן ער האָט נאָך זיין איצטיקע האנט ניט געהאט, איז געווען א סך קלענערער תּקיף אין קאמף מיט דער נאטור ווי פארשיידענע אנדערע חיות. די האנט האָט אים געגעבן די ערשטע מעגלעכקייט צו באהערשן און איבעראנדערשן די נאטור, וואָס אן אנדערע חיה האָט ניט געקאָנט".

דאָס איז אמת, אָבער, רבונו של עולם, פאר וואָס רעדן וועגן דער האנט, ווען עס איז קלאָר, אז די האנט האָט ניט געקאָנט ווערן דאָס, וואָס זי איז, ווען דער מארך זאָל ניט געווען טרייבן די מענטש געוואָרענע חיה צו טאָן דאָס, וואָס א האנט אנטוויקלט, און ווי וואָלט זיך דער מארך געקאָנט אנטוויקלען ווען עס זאָל אויף דער וועלט קיין געדאנק ניט זיין. דער באגריף אנטוויקלונג גופא איז דאָך א געדאנקלעכער פּראָדוקט, און אָן געדאנקלעכע באגריפן וואָלטן דאָך קיין ווערטער ניט געווען און דאָס וואָרט אנטוויקלונג אויך ניט. עס איז דאָך שוין לאנג פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז שפראך איז א פועל יוצא פון געדאנקלעכע באגריפן און ניט פארקערט. אזוי, אז די אנטוויקלונג פון דער האנט, ווי די אנטוויקלונג פון אלץ, מוז ווייטער צוריקגעפירט ווערן צו דער קולטור און ניט פארקערט.

רעדנדיק וועגן אלגעמיינער אנטוויקלונג זאָגט בערנשטיין פאָל-גענדעס:

„קומען מיר אָבער צוריק ארויף אויף דער אלגעמיינער אנטוויקלונג זעען מיר, וואו די נאטור האָט באזאָרגט דעם מענטשן מיט נארונגס-מיטלען פאר זיין עקזיסטענץ, האָט ער איבערהויפט ניט אנטוויקלט קיין קולטור, אָבער וואו ער האָט זיך באזעצט אין די מעסיקע קלימאטן, האָט ער מיט דער הילף פון ווערקצייג געקאָנט ארויסקריגן מערער ווי ערגעץ אנדערשוואו. די פארבעסערונג אין די ווערקצייג האָט דאן געבראכט א פארמערונג אין פראָדוקטן פון ערשטער נויטווענדיגקייט, און אין אלערליי לוקסוס זאכן. און ווען מיר זעען ווי די מעטאָדן פון מענטשלעכער ארבעט אנטוויקלען זיך אלץ מער, און פון דעם קומען ארויס און אנטוויקלען זיך נייע געזעלשאפטלעכע קלאסן, ווען מיר זעען, ווי עס ווערט ארויסגערופן אן אינערלעכער קאמף אין דער געזעלשאפט גופא, אָנערקענען מיר, אז דער יסוד פון דעם גרויסן פאָליטישן קאמף, וואָס פירט צו דער אומענדערונג פון דער געזעלשאפט, צו א העכערע געזעלשאפטלעכע אָרדנונג, איז דאָס עקאָנאָמישע לעבן, און דער אופן ווי מיר ארבעטן און פראָדוציר אונזערע לעבענס-מיטל. אָט דער באגריף און זיין באגרינדונג, דאָס איז די געשיכטלעכע און סאָציאלע פילאָזאָפיע פון מארקסיזם. פונקט ווי דער דארוויניזם איז דער קערן פאר דער ביאָלאָגישער לערע פון אנטוויקלונג — די אנטוויקלונגס לערע פון באשעפענישן, אזוי איז אויך דער מארקסיזם דער גרונט-געדאנק פון דער מאטעריאליסטיש באגרינדעטער סאָציאָלאָגישער אנטוויקלונגס-טעאָריע—א לערע וועגן דער אנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט. און פונקט ווי דער דארוויניזם האָט מיט דער צייט אָנגענומען אלערליי פארשיידענע זיך ווייט פאנאנדערגייענדע ריכטונגען, אָבער דאָך פארבליבן דער זעלבער אין זיין גרונט-געדאנק, אין זיין בליק אויף דער ביאָלאָגישער אנטוויקלונג, אזוי איז אויך דער מארקסיזם פארבליבן דער זעלבער אין זיין וועלטאַנשויאונג — אין זיין מאטעריאליסטישער אויפפאסונג פון געשיכטע".

און בנוגע דעם דאָזיקן אויסצוג פילן מיר, אז דער לעזער זאָל פריער פון אלץ וויסן און געדענקען, אז די אנטראָפּאָלאָגן פון דער

לעצטער צייט (אין אונזער צווייטן, פון דער סעריע, באנד וועלן מיר ברענגען פיל פון די דאָזיקע אנטראָפּאָלאָגן אלס עדות) נאָך א טיפער שטודיום פון די מענטשלעכע ראסן, זענען געקומען צום שלוס ערשטנס, אז א מענטש, וואָס זאָל איבערהויפּט ניט אנטוויקלען קיין קולטור, איז גאָר ניט בנמצא אין דער וועלט. דער מענטש מיינט דאָך אייגנטלעך א קולטור-חיה, און חיהשקייט באטייט קולטורלאָזיגקייט. קולטור און מענטש זענען אנטשטאנען איינצייטיק. די באהויפּטונגען וועגן דעם, אז עס זענען פאראן אָדער אז עס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן ניט, למשל, קיין רעליגיע, ווערן פון דער וויסנשאפט איצט באטראכט אלס בבא מעשיות. געוויסע אויסדרוקן פון קולטור, אלזאָ, זענען די אייגנ-שאפטן, די, ווי מיר וואָלטן געזאָגט, קאָנסטיטואירנדע עלעמענטן פון דעם מין מענטש.

דער צווייטער שלוס, צו וועלכן די אנטראָפּאָלאָגן זענען געקו-מען איז, אז די שייכות צווישן דער אויסערלעכער נאטור און דעם מין מענטש און דעם גראד פון זיין אנטוויקלונג, איז גאָר ניט אזא דירעקטער און אויסגעהאלטענער ווי באָקל, טען און אנדערע פון זיין שניט, האָבן זיך פאָרגעשטעלט. עס ווערט איצט פון טאָג צו טאָג קלאָרער, אז געוויסע אויסדרוקן פון קולטור האָט דער מענטש אנט-וויקלט אויף אן ענלעכן גראד און שטייגער אונטער די פארשיידנסטע קלימאטן און אנדערע אומשטאנדן און דערשיינונגען פון דער נאטור. און אז אין גאָר פיל ווינקלען פון דער וועלט האָט דער מענטש אנט-וויקלט א קולטור, וואָס איז דער היפּוך צו דעם, וואָס האָט געדארפט אָדער געזאָלט זיין, אויב עס זאָל ווירקלעך זיין אן אויסגעהאלטענע אורזאך און פאָלגע שייכות צווישן נאטור און מענטש. און דאָס מיינט, אז אין דעם ליכט פון די נייסטע אנטראָפּאָלאָגישע פאָרשונגען דארף צו די שייכותן צווישן די אויסערלעכע נאטירלעכע אומשטאנדן און אי-נערלעכע מענטשלעכע איבערלעבונגען געגעבן ווערן גאָר אן אנדער אויסטייטשונג איידער די, וואָס מארקס און אלע מארקסיסטן האָבן זיי געגעבן. און אויף אזוי פיל, אויף וויפל ווערקצייג ווערט פון מארקסן און די מארקסיסטן באטראכט אלס א טייל פון די אויסערלעכע אום-

שטאנדן, אויף אזוי פיל וועט די ראָלע און די ווירקונג פון ווערקצייג אויף דעם גאנג פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט דארפן זיין גאָר אנדערע איידער די, וואָס דער מארקסיזם האָט זיי צוגעשריבן. די אינערלעכע איבערלעבונגען פון דעם מענטשן וועלן מוזן פריער אָדער שפעטער קריגן די ממשלה איבער די געוועקצייג, אָדער דער מענטש וועט אויסגעראָטן ווערן, און די קולטור וועט זיך דורכברעכן דורך אן אנדער אויף דער ערד לעבנדיקער געשטאלטונג.

יעדער איינער זעט, פונקט אזוי גוט ווי הער בערנשטיין, אז די מעטאָדן פון דער מענטשלעכער ארבעט אנטוויקלען זיך אלץ מער, און אויך, אז עס אנטוויקלען זיך נייע געזעלשאפטלעכע קלאסן און ממילא, אויך אן אינערלעכער קאמף אין דער געזעלשאפט גופא. פון דעם אלעמען איז אָבער בשום אופן ניט געדרונגען, אז דער יסוד פון דעם קאמף וואָס פירט צו א העכערער געזעלשאפטלעכער אָרדנונג איז דאָס עקאָנאָמישע לעבן און דער אופן ווי מיר ארבעטן און פראָדוצירן אונזערע לעבנס מיטלען. פון א ריין וויסנשאפטלעכן שטאנדפונקט איז פונקט אזוי מעגלעך, אז דער איצטיקער אינערלעכער געזעלשאפטלעכער קאמף זאָל פירן צו צעשטערונג און פארניכטונג, און אז אמוועניקסטן פאר א געוויסער צייט זאָל א סך א נידעריקע געזעלשאפטלעכע אָרדנונג פארנעמען דאָס אָרט פון דער איצטיקער אָרדנונג ווי עס איז מעגלעך פארקערט. אן אָנדייטונג אויף דעם האָבן מיר שוין אין דעם גרויסן ווערק פון שפענגלער „דער אונטערגאנג פון אייראָפע״.

און וועלכע וויסנשאפט, וועלכע פילאָזאָפיע וועט עס זיך אונטערנעמען צו זאָגן, אז די געזעלשאפטלעכע אָרדנונג אין רוסלאנד אין דעם איצטיקן מאָמענט מיט איר עקאָנאָמישער דערשלאָגנקייט, פאָליטישער דעספאָטישקייט, אינטעלעקטועלער צוריקגעשטאנענקייט, איז א העכערע איידער די, וואָס האָט עקזיסטירט פאר דער רעוואָלוציע?

אונז דוכט זיך, אז פאר דעם דענקענדן מענטשן פון דעם צוואָנציקסטן יאָרהונדערט איז פונקט אזוי אוממעגלעך צו פארבינדן די באַגריפן פון העכער און נידריקער מיט ווערקצייג און פראָדוקציאָנס מיטלען, ווי עס איז מעגלעך פאר אים צו פארבינדן די באגריפן פון

געטלעכקייט מיט דעם שטיקל האָלץ, וואָס הייסט אָפּגאָט.

און, אין תּוך גענומען, איז דאָך דאָס צושרייבן פון אזא גרוי־סער מאכט און קראפט, ראָלע און ווירקונג צו די טויטע ווערקצייג און אומבאלעבטע פּראָדוקציאָנס מיטלען, ניט מער ווי א געצנדינעריי. די פאָרשטעלונג, אז שטאָף און קראפט, וואָס באזיצט ניט קיין לעבן און ניט קיין גייסט, דירעקטירט און פירט דאָס לעבן און דעם גייסט, האָט אין זיך ניט מער זין, ווי די פאָרשטעלונג, אז דער געץ איז א גאָט.

דער פאראלעל, וואָס בערנשטיין פירט צווישן דעם דארוויניזם און דעם מארקסיזם איז איינער פון די פאראלעלן, וואָס איז זייער אָפט געפירט געוואָרן צווישן דעם מארקסיזם און דעם דארוויניזם. אין דעם ליכט אָבער פון די גייסטע ביאָלאָגישע און אנטראָפּאָלאָגישע פאָר־שונגען דארפן די פאראלעלן שוין גאָר אנדערש געפירט ווערן.

דער פאראלעל אָדער די פאראלעלן זענען שוין איצט אומגעפער אזעלכע:

פאראלעל נומער איינס:

פונקט ווי פאר מארקסן איז שוין געווען באקאַנט, אז די איצטיקע קאפּיטאליסטישע אָרדנונג דארף און מוז, צוליב דער שרעקלעכער אומגע־רעכטיגקייט, וואָס זי האָט מיט זיך געבראכט, פארנומען ווערן פון א סאָ־ציאליסטישער, אזוי איז שוין אויך פאר דארווינען געווען באקאנט דער פּראָצעס פון דער ביאָלאָגישער אנטוויקלונג.

פאראלעל נומער צוויי:

פונקט ווי צו דעם דאָזיקן ביאָלאָגישן אנטוויקלונגס פּראָצעס איז ווייניק אויפמערקזאמקייט געשענקט געוואָרן ביז דארווין איז געקומען און האָט זיך פארמאָסטן אויף א טיפן און ברייטן אופן אָנצוווארפן די פאקטאָרן אָדער קרעפטן, וואָס טרייבן די דאָזיקע אנטוויקלונג, אזוי איז אויך ווע־ניק אויפמערקזאמקייט געשענקט געוואָרן דער אומפארמיידלעכקייט פון א סאָציאליסטישער אָרדנונג, ביז עס איז געקומען מארקס און האָט זיך פארמאָסטן אויף א געניאלן אופן צו באווייזן, אז די גאנצע וויסנשאפט און די גאנצע נויטווענדיגקייט און אומפארמיידלעכקייט פון אלע נאטור

געזעצן שטייען אונטער דעם באגריף פון דער אומפארמיידלעכקייט פון דעם אָנקום פון א סאָציאַליסטישער אָרדנונג.

פאראַלעל נומער דריי:

פונקט ווי פון די אלע פאקטאָרן, וועלכע טרייבן אָן די עוואָלוציע, פאר וועלכע דארווין האָט זיך איינגעשטעלט איז דוקא גאָר ווייניק געבליבן, און פון דעסטוועגן איז פון דארווינען גאָר א סך געבליבן, צוליב דעם טאקע, וואָס ער האָט זוכנדיק די פאקטאָרן, דערווייל אויף אייביק, אפשר, פעסטגעשטעלט דעם פראָצעס פון דער עוואָלוציע גופא—אזוי אויך איז פון דער גאנצער מארקסיסטישער וויסנשאפטלעכקייט און געזעלשאפטלעכער אַלאַ־נאטור געזעצמעסיגקייט גאָרניט געבליבן, מארקס אליין איז אָבער געבליבן, און טאקע אויף אייביק ריזיש גרויס, ווייל זוכנדיק די וויסנשאפטלעכקייט און די אָנווענדבארקייט פון די נאטור געזעצן אויף געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען, האָט ער שטארקער ווי ווער עס איז פאר אים פעסטגעשטעלט די שרייענדע אומגערעכטיגקייט פון דער איצטיקער אומאָרדנונג, און ער האָט, דער ערשטער, קלאָר, שארף און דייטלעך ארויסגעבראכט דעם געדאנק, וועלכער, ווי אונז דוכט זיך, וועט בלייבן אן אקסיאָמע, אז נאָר דורך א קלאסן קאמף געפירט אויף א רעוואָלוציאָנערן אופן, נאָר דורך א רעוואָלוציאָנערער דיקטאטור פון דעם פראָלעטאַריאט, קאָן א מער גערעכטע געזעלשאפטלעכע אָרדנונג אריינגעפירט ווערן. דאָס איז וואָס מיר וואָלטן אָנגערופן דאָס בלייבנדע אין מארקסיזם.

דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער קלאסן קאמף, אָבער, די דאָזיקע דיקטאטור פון דעם פראָלעטאריאט מוז איצט אין דעם צוואָנציקסטן יאָרהונדערט אוועקגעשטעלט ווערן, אָנגעפירט ווערן אין ליכט פון קולטור אָנשטאָט ציוויליזאציע.

אונטער דער ווירקונג אָבער פון דעם נייעם שוואונג פון דעם מענטשלעכן געדאנק, אונטער דעם איינפלוס און אונטער דער ווירקונג פון דעם נייעם אידעאַליסטישן בליק, וואָס דרינגט דורך די פילאָזאָפיע, וויסנשאפט, קונסט, רעליגיע, קורץ — אלע צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור, און דערלאָזט ניט אויף אזא אופן, אז די קייט פון דעם אידעאַליזם, אין קעגנזאץ צו דעם מאטעריאליזם, זאָל איבערגעריסן ווערן —

אונטער דעם דרוק, זאָג איך, פון דער נייער אידעאליסטישער און דורכ־
אויס אנטי־מאטעריאליסטישער וועלטאָנשויאונג, וועט מוזן געשאפן ווערן
א נייער מין ראדיקאליזם. א גאנץ שטארקע רעוואָלוציע וועט סוף כּל סוף
מוזן אריינגעבראכט ווערן אין אלע ראדיקאל־סאָציאָלאָגישע טעאָריעס און
אָנשויאונגען; א גאנץ נייער גייסט וועט מוזן באהערשן אלץ, וואָס גייט
אונטער דעם נאָמען ראדיקאלע באוועגונג.

דער ביז איצטיקער ראדיקאליזם מיט זיין מאטעריאליזם האָט פאר־
סאמט די מוחות פון די מענטשן, וואָס דארפן ברענגען א נייע אָרדנונג
אויף דער וועלט, מיט א גלויבן אין דער מאכט און קראפט פון טויטער
און בלינדער מאטעריע, מיט א גלויבן אין דער גרויס און אין דעם פּראכט
פון אלץ, וואָס קאָן נאָר דעם גוף צופרידנשטעלן. דער דאָזיקער גלויבן,
ווידער, האָט אוממעגלעך געמאכט פאר זיי דורכצולעבן און דורכצופילן
א גליקזעליגקייט, וואָס פילט אָן די נשמות פון די, וועלכע שפירן און
פילן ווי זיי וואָלטן געווען ארומגערינגלט מיט א וועלט, וואָס לעבט און
זעט, מיט א וועלט, וואָס איז פול מיט אינערלעכקייט און גייסט, פול
מיט מיסטעריען און אנטפּלעקונגען.

און מעגן אלטע אָרדנונגען חרוב ווערן איינע נאָך די אנדערע און
מעגן אויף זייערע חורבות נייע און זאָגאר גראנדיעזע אָרדנונגען אָן א
צאָל אויפגעשטעלט ווערן, וועט אָבער דאָס מענטשלעכע לעבן אין זיין
וועזנלעכקייט, אויף קיין איין האָר ניט באנייט ווערן, און דער מענטש־
לעכער גליק וועט אויף קיין איין גראד ניט שטייגן אזוי לאנג, ווי דער
מענטש וועט זיין בארויבט פון דעם נחת רוח, וואָס נאָר א וועלט־אל מיט
אן אידעאלער אָדער גייסטיקער מהות, וואָס נאָר א אוניווערס מיט א נשמה
אין איר קאָן אים געבן.

דאָס איז אונזער אינערלעכסטע איבערצייגונג, וואָס נאָר די צו־
קונפט, און אפשר, נאָר די גאָר ווייטע צוקונפט, וועט קאָנען עדות זאָגן
צו איר אמת אָדער פאלשקייט.

מיר וועלן דאָ איבערגעבן פון דעם אינדישן פילאָזאָפישן פּאָעט
טאגאָר, אין זיינע אייגענע ווערטער — אן איבערלעבונג, וואָס ברענגט
ארויס, אויף אן אויסערגעווענלעך שענעם און עכט קאָנקרעטן אופן, דעם

חילוק צווישן די צוויי וועלטן — דער גשמיותדיקער, פאר וועלכער דער ביז איצטיקער, און נאָך אויך דער איצטיקער ראדיקאליזם שטעלט זיך איין, און דער רוחניותדיקער, פאר וועלכער, ווי מיר דענקען, פילן און גלויבן, דער נייער ראדיקאליזם וועט זיך מיט זיין גאנצער מאכט און קראפט איינשטעלן.

אזוי דערציילט טאגאָר: „איינמאָל בין איך ארויסגעפאָרן אויף א שיפל אויף דעם טייך גאנגעס, עס איז געווען א שענער פארנאכט אין הערבסט, די זון איז נאָר וואָס אונטערגעגאנגען. דאָס שווייגן פון הימל איז געווען פול מיט רו און שענקייט, וואָס קאָן ניט איבערגעגעבן ווערן אין ווערטער. קיין מורמל האָט זיך ניט געהערט אויף דעם גרויסן און אומגעהויערן פלאך פון וואסער, וואָס האָט אָפגעשפיגלט אלע שאטירונגען פון דעם פייערדיקן רויטן זון-אונטערגאנג. דער, אויף מיילן און מיילן, איינזאמער זאמד-ברעג איז געלעגן ווי א גרויסער אמפיביעזער רעפטיל פון פאר די מבולדיקע דורות, שימערירנדיק מיט זיינע שופן אין זיינע שיינענדיקע קאָלירן. אונזער שיף האָט זיך אזוי שטילשווייגנד געגליטשט ביי דעם שארף משופעדיקן ברעג, וועלכער איז געווען דורכגעלעכערט פון א פויגל קאָלאָניע. פלוצלונג איז א גרויסער פיש ארויסגעשפרונגען אויף דער אויבערפלאך פון דעם וואסער און איז באלד פארשוואונדן, ארויסווייזנדיק אויף זיין פארגייענדער פיגור אלע קאָלירן פון א נאכט הימל. ער האָט פאר א ווייליטשקע א צי געטאָן אין א זייט דעם פיל קאָלירטן שירם, אונטער וועלכן עס איז געווען א שטילע וועלט פול מיט דער פרייד פון לעבן. ער איז געקומען פון די טיפעניש פון זיין מיסטעריעזער וואוינונג מיט א שענער טאנצנדיקער באוועגונג, און ער האָט צוגעגעבן זיין אייגענע מוזיק צו דער סימפאָניע פון דעם שטארבנדיקן טאָג. איך האָב געפילט ווי איך וואָלט געהאט א גרוס פון א פרעמדער וועלט אין איר אייגענער שפראך, און דאָס האָט אָנגערירט מיין הארץ מיט איין אויפגליהונג פון פרייד. פלוצלונג האָט דער מאן ביי דעם רודער אויסגעשריען מיט א באשטימטן קלאנג פון באדויערונג: אָה, סארא גרויסע פיש! דאָס בילד פון א פיש, וואָס מען האָט געפאנגען און צוגעגרייט פאר זיין אָוונט מאָלצייט איז פאר זיינע אויגן געשטאנען. ער האָט געקאָנט קוקן

אויף דער פיש נאָר דורך זיין באגער, און ער האָט אויף אזא אופן פאר־פעלט צו זען דעם גאנצן אמת פון דער עקזיסטענץ פון דעם פיש".

ווי מיט דעם פיש אזוי איז מיט דעם גאנצן וועלט-אל: איינער קוקט אויף אים דורך דעם באגער, וואָס דער מאָגן רופט ארויס, דער אנ־דערער דורך דער פארטיפונג און באגייסטערונג, וואָס קומען פון די טי־פענישן פון דער נשמה.

די צייט קומט איצט, ווען וועגן דעם גייסטיקן אָנבליק פון דעם מענטשלעכן זיין, דארף און מוז געזאָגט ווערן אזוי הויך און שטארק, אז עס זאָל אָפּקלינגען איבער דער גאנצער וועלט, און זאָל אריינדרינגען אין דער סאמע טיפעניש פון דער נשמה פון מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן. אויב מיליאָנען מענטשן האָבן איינמאָל געקאָנט דערהערן און ענטפערן אויף דעם רוף פון א קריסטוס: „נידער מיט אלעס ערדישעס, גאָטס קעניגרייך ווארט אויף דיר!" וואָס אויף דעם מאָדערנעם לשון וואָלט עס געווייטלעך געמיינט: „נידער מיט ציוויליזאציע, לעבן זאָל קולטור!" און אויב אן אומגעהויער גרויסע טייל פון דער מענטשהייט האָט געקאָנט איין מאָל אזא רוף פארנעמען און ענטפערן מיט מעשים אויף אים, פארוואָס קאָן אזא זאך זיך ניט איבערחזרן, ווען אזא רוף מיט אן אנדער אינהאלט נאטירלעך, וועט קומען פון צענדליקער הונדערטער אָדער טויזנטער קולטור שעצער און קולטור טרעגער, פון טויזנטער וואָס וועלן קלאָר איינזען, אז ווען די ציוויליזאציע ווערט א ציל אן און פאר זיך, אָנשטאָט א מיטל בלויז, מוז דער מענטש ווערן א מיטל אָנשטאָט ער זאָל זיין, ווי קאנט האָט עס געפאָדערט, א צוועק אין זיך זעלבסט, אין דעם זעלבסט, וואָס אָנערקענט נאָר די העכסטע אוניווערסאלע קראפט פאר זיין האר. אין דעם זעלבן מאָמענט ווען דער מענטש הויבט אָן זיך אליין צו־באטראכטן און פון אנדערע באטראכט צו ווערן אלס א מיטל צו עפעס, וואָס איז וועניקער און איינפאכער פון גייסט, און וואָס גרענעצט זיך ניט מיט דעם אלעם העכסטטן אין דער וועלט, הויבט ער, דער זעלבער מענטש, אָן צו ווערן וועניקער מענטש, און די זיכערקייט, אז ער וועט ווערן אויס מענטש אין גיכן, פארנעמט דאָס אָרט פון דער האָפנונג, אז ער וועט ווען עס איז ווערן איבער מענטש...

דאָס שענסטע בילד, פון א שייכות צווישן צוויי וועלטן אין דעם וועלט-אל, וואָס זאָל אין דערזעלבער צייט ניט איבעררייסן אויף קיין איין מאָמענט און ניט אויף קיין איין האָר, די איין און איינציגקייט פון דער אומענדלעכער אוניווערס — איז דאָס בילד, וואָס בערגסאָן מאָלט, אין וועלכן אלץ אין דער וועלט זעצט ארויס פון א ראקעטע, וואָס איז אָנגע-לאָדן מיט גייסטיקער ענערגיע. מאטעריע ווערט אויף אזא אופן באטראכט אלס אן אָפּזאץ פון גייסט. דורצוזעצן וואָס מער גייסט און מיט א מעגלעך גרעסערן אימפּעט דורך דער מאטעריע, צו געווינען וואָס מער אומאָפּהע-ניגקייט פאר דעם גייסט, צו באפרייען דעם גייסט אלץ מער און מער פון דער לאסט פון זיין מאטעריעלן אָפּזאץ, וואָס דאָס מיינט מיט אנדע-רע ווערטער, צו ספּירטואליזירן די מאטעריע — דאָס איז די אויפגאבע פון דעם מענטשן. אין דער איין און איינציקער אומענדלעכער וועלט מוז דער מענטש אין דעם מאָמענט פון זיין שטארקסטער און אינטענסיווסטער קאָנצענטראציע פון אלע זיינע גייסטיקע כחות, טאָן דאָס, וואָס אפשר גאָט אליין טוט אויף א גרעסערן און פאַלקאָמענערן מאסשטאב, און דאָס איז: שטרעבן צו דער העכסט מעגלעכער ספּירטואליזירונג. און, ווי ווייט דער מענטש גייט, באטייט עס א שטרעבן צו לעבן אין א וועלט פון מעגלעכסטער פרייהייט און גלייכהייט, שענקייט און דער-הויבנקייט, גערעכטיגקייט און שטרענגקייט.

ווי מיט דעם איינציקן מענטשן, אזוי אויך מיט א גאנץ פאָלק. איז א פאָלק שוין איינמאָל געקומען צו דעם גרויסן באוואוסטזיין פון פרייהייט און גלייכהייט, האָט עס שוין איינמאָל, ווי קיינמאָל פריער, געקעמפט אונטער די זעגלען פון פרייהייט און גלייכהייט, האָט עס שוין איינמאָל אזוי הויך און טייער געשטעלט דעם גייסט, און אזוי נידעריק און ביליק, אין פארגלייך מיט אים, דאָס פלייש, האָט עס שוין יאָ אזוי פיל בלוט פארגאָסן און קרבנות געבראכט אויף דעם מזבח פון אזעלכע ריין גייסטיקע אויסדרוקן, ווי פרייהייט און גערעכ-טיגקייט, מוז עס, אום צו דערגרייכן דעם אָנגעצייכנטן ציל, איבער-רייסן איין מאָל פאר אלע מאָל אלע פעדים, וואָס האָבן אים געהאלטן געבונדן מיט אלע אנדערע פעלקער, וועלכע האָבן נאָך ניט קאָנצענ-

טרירט זייערע גייסטיקע כחות פאר דער קומענדער רעוואָלוציע, און עס מוז איינמאָל פאר אלע מאָל ברעכן מיט אלע פריערדיקע עקאָנאָמישע פארהעלטעגישן, רעגלען און מעטאָדן. א גייסטיקע קאָנצענטרירונג און דערהויבונג, וואָס אָן איר איז א רעוואָלוציע ניט מעגלעך, און ווען אפילו יאָ מעגלעך, איז זי חערטלאָז, מוז מיט זיך ברענגען א געוויסע אונטערשאצונג, און ביז א געוויסן גראד, א גלייכגילטיגקייט צו דעם מאטעריעלן און פיזישן וואוילזיין.

די שטארקייט פון א פאָלק, וואָס מאכט דורך א רעוואָלוציע, אין פארגלייך מיט די פעלקער, וואָס האָבן די דאָזיקע מדרגה נאָך ניט דערגרייכט, דארף אָנהויבן צו באשטיין אין דער פארקלענערונג ביז צום מינימום אלע זיינע מאטעריעלע און פיזישע פארלאנגען און באגערן, און ניט אין דער פארגרעסערונג פון די מאסן פראָדוקטן. מחמת די פארקלענערונג פון די באדערפענישן, פירט אומבאדינגט צו א באלדיקער און זיכערער פרייהייט און אומאָפהעניגקייט פון אלע אינערלעכע און אויסערלעכע כחות, וואָס ארבעטן קעגן דער רעוואָלוציע, בעת די אָנשטרענגונג צו טרייבן אלץ אויף א גרעסערן מאסשטאב און מיט מער אימפעט און אינטענסיוויטעט, מוז גלייך פון אָנהויב אונטערוווארפן דאָס פאָלק צו א גרעסערער פארשקלאפונג און א שטארקערער אָפהעניגקייט פון מאטעריעלע קרעפטן, וואָס שטארקן זיך אויף דעם חשבון פון דעם גייסט, און וואָס ממילא ארבעטן זיי קעגן דער רעוואָלוציע, וועלכע געווינט, ווען דער גייסט שטייגט, און פארלירט, ווען דער גייסט פאלט.

קארלייל זאָגט ערגעץ וואו, אז א ברוך-טייל פון אן איינהייט קאָן אויף צווייערליי אופנים פארגרעסערט ווערן. מען קאָן אָדער אויף אזוי פיל מאָל פארגרעסערן די אויבערשטע צאָל פון דעם ברוך-טייל, אָדער מען קאָן אקוראט אויף אזוי פיל מאָל פארקלענערן די אונטערשטע צאָל פון דעם זעלבן ברוך-טייל. דאָס זעלבע, דענקט ער, קאָן געטאָן ווערן מיט דעם לעבן, ד. ה. מיט דעם מענטשלעכן לעבן, וועלכער איז אין זיך א ברוך-טייל פון דעם אוניווערסאלן לעבן, פון דעם לעבן, וואָס איז אידענטיש מיט דער רעאליטעט.

פאר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָט די מענטשהייט גע-

פּרובט מיט אַלע כּחות און מעגלעכקייטן צו פאַרגרעסערן דאָס לעבן דורך דער פאַרגרעסערונג פון דעם ערנענער אָדער נאָמינאַטאָר פון לעבן, דורך דער פאַרגרעסערונג פון דעם מאַטעריאַלן טייל זיינעם, פון דעם טייל, וואָס איז אויבן אויף דער ליניע, וואָס שפּאַלט דאָס לעבן פאַנאַנדער, דאָס איז דער טייל, וואָס געפינט זיין אויסדרוק אין דער ציוויליזאַציע. זי האָט אין דער צווייטער העלפט פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט געטריבן די עראָבערונגען פון דער ברייטער אויסערלעכער וועלט, ביז צום העכסטן גראַד. און אַדאַנק זיי האָבן זיך אָן אַ שיעור געמערט די קערפּערלעכע פאַרגעניגנס און צופרידנשטעלונגען פון ערדישע באַגערן און פאַרלאַנגען.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַזאַ פאַרגרעסערונג פון לעבן האָט זיך שלעכט אָפּגערופן אויף דער פּאַרטיפונג פון גייסט. די אויסערלעכע פאַרגרעסערונג פון לעבן האָט זייער שטאַרק פאַרמינדערט די אינערלעכקייט פון לעבן.

וואָס מער עס איז געוואַקסן אין פּראַכט און גלאַנץ די אויסערלעכקייט פון לעבן, אַלץ גרעסער און גרעסער איז געוואָרן דער קאָנטראַסט צווישן די, וואָס פאַרמאָגן און די וואָס פאַרמאָגן ניט, צווישן די, וואָס ווייסן ניט, וואָס צו טאָן מיט זיך אויס וואָוילטאָג, און די, וואָס ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט זיך אויס דחקות; צווישן די, וואָס זיי האָט די ציוויליזאַציע יאָ געגעבן שטאַרקייט און מאַכט, און די, וואָס זיי האָט די ציוויליזאַציע געמאַכט אוממעכטיק און הילפלאָז, צווישן די, וואָס האָבן ניט קיין אַנדערע צילן און צוועקן אויסער דער פאַרמערונג פון אויסערלעכער רייכקייט און ברייטקייט, און די, וואָס זענען געצוואונגען, אויס מורא פאַר דעם „קעניג הונגער", צו דינען בלויז אַלס מיטל פאַר דער גייסטיקער צוועקלאָזיגקייט און קולטורעלן זין און ווערטלאַזיגקייט פון די אַנדערע.

און וואָס גרעסער דער דאָזיקער קאָנטראַסט איז געוואָרן, אַלץ שווידערלעכער איז געוואָרן די אומגערעכטיגקייט, אַלס אומערטרעגלעכער די אונטערדריקונג, אַלץ העסלעכער דער צוזאַמענלעבן פון מענטש מיט

מענטש, אלץ מער ווערט דער אינהאלט פון לעבן געאָפּפערט אויף דעם מזבח פון זיין אויסערלעכער פאָרם און געשטאלט, אלס מער ווערט די ציוויליזאציע דער ציל, אָנשטאָט דער מיטל, אלץ מער ריקווערטס גייט דאָס קולטורעלע לעבן פון דער געזעלשאפט.

די גערעכטיגקייט, וואָס אָן איר קאָן די קולטור ניט קומען צו איר אויסדרוק, פאָדערט אן אבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט.

עס איז גאנץ מעגלעך, אז אזא עקאָנאָמישע גלייכהייט וועט אדאנק דעם, וואָס זי וועט אוועקנעמען די פּערזענלעכע איניציאטיוו, וועלכע טרייבט אָן דעם האנדל און וואנדל, פירן צו א פארקלענערונג פון די פּראָדוקטיווע כחות. דאָס דארף אָבער ניט שרעקן די, וועלכע זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז עס איז שוין סיי ווי געקומען די צייט, ווען אין די אינטערעסן פון קולטור, אין די אינטערעסן פון דעם וואוקס און אנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן גייסט, אין די אינטערעסן פון א פולערן אינערלעכן לעבן, זאָל די מענטשהייט פּרובן צו פארקלענערן די אונטערשטע צאָל פון דעם ברוך-טייל, וואָס הייסט לעבן אָנשטאָט צו פארגרעסערן דעם אויבערשטן צאָל. זי זאָל טיילן דעם נענער אָדער דענאָמינאטאָר אָנשטאָט צו כפּלען בלויז דעם ערנענער אָדער נאָמינאטאָר, זי זאָל זיך געבן די מי צו פארקלענערן אלע פיזישע באדערפנישן, זי זאָל שטרעבן צו זוכן פרייד אָנשטאָט פארגעניגן און גליקזעליגקייט אָנשטאָט גליק בלויז.

קיין פארמערונג פון פּראָדוקטן קאָן ניט געבן אזא נחת רוח דעם מענטשן, ווי א גלייכע פאנאנדערטיילונג פון די פּראָדוקטן, דען נאָר א גלייכע פאנאנדערטיילונג מאכט מעגלעך אן אמת ברידערלעכע באציהונג צווישן מענטש און מענטש, אָן וועלכע דער מענטש, מעג ער ווי שטייגן אויף דעם לייטער פון ציוויליזאציע, קאָן זיך ניט ארויסרייסן פון דעם, אין דעם מאָראלישן זין, חיהשן צושטאנד. און כל זמן די ברידערלעכע באציהונג איז ניט איינגעפירט, און איין מענטש איז סאָציאל און פּאָליטיש איזאָלירט פון דעם צווייטן אין דער געזעלשאפט, איז קיין פאָלק, מעג די ציוויליזאציע זיינע דערגרייכן ווי

א הויכע אנטוויקלונג, ניט זיכער אז עס וועט ניט, ווי דאָס גריכישע און רוימישע פאָלק, צונויפברעכן און אָפּגעווישט ווערן פון דער אויבערפלאך פון גאָטס ערד, אָדער ווי דאָס יידישע פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט ווערן איבער גאָטס וועלט.

די שטארקייט פון דעם פאָלק אין צייט, ווען עס ברענט דער רעוואָלוציאָנערער פייער, און די אומבאזיגבארקייט פון די רעוואָלוציאָנערע כחות באשטייען, פון דעם ערשטן ביז דעם לעצטן מאָמענט פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס, אין דער גלייכער פאנאנדערטיילונג פון אלץ, וואָס איז דאָ, און ניט אין דער פארמערונג פון דעם וואָס איז ניטאָ, און וואָס קאָן באקומען ווערן נאָר דורך קאָמפּראָמיסן און פארשיידענע דערנידערונגען פון גייסט, וואָס קאָנען טויט שלאָגן די אמתע צילן און צוועקן פון דער רעוואָלוציע, די צילן און צוועקן וואָס זענען געשטאנען פאר די אויגן פון די, וואָס זענען געגאנגען אויף די באריקאדן.

אזא שטארקייט, אזא ריכטונג אין דער ליניע פון אומאָפּהענגיגקייט קאָן א פאָלק אין צייט פון א סאָציאלן איבערקער אָננעמען נאָר יעמאָלט, ווען זיינע פירער גלויבן אין דער מאכט און קראפט פון גייסט איבער אלץ, נאָר יעמאָלט, ווען זיינע פירער זענען באהערשט פון א פעסטער איבערצייגונג, אז פרייהייט און גלייכהייט טאָרן ניט פארקויפט ווערן פאר קיינע אוצרות אין דער וועלט, מחמת אָן זיי ביידן קאָנען קיין אוצרות אין דער וועלט ניט געבן דעם פאָלק קיין גליק, און קיין גליקזעליגקייט אודאי און אודאי ניט.

זעען מיר דאָך, אז ווען א גרויסער טייל פון דעם פאָלק אָדער פון דער מענטשהייט איז איינמאָל געקומען צו דער איבערצייגונג, אז „קייזערלעכער" אבסאָלוטיזם איז שרעקלעך און שעדלעך, ווייל אזא אבסאָלוטיזם איז א דעגראדאציע פאר דעם מענטשלעכן גייסט, וועט שוין קיין רעוואָלוציאָנער זיך ניט פילן שולדיק, און קיין פּראָגרעסיוון מענטשן וועט ניט איינפאלן צו באשולדיקן וועמען עס איז, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער שטירצונג פון דעם צאריזם און קייזעריזם,

אין א וועלכן עס איז פארברעך אָדער זינד, ווען די דאָזיקע שטירצונג זאָל ברענגען מיט זיך, אלס א באלדיקע קאָנסעקווענץ, אפילו דעם שרעקלעכסטן עקאָנאָמישן חורבן, וואָס א מענטשלעכער געדאנק קאָן זיך פאָרשטעלן. האלט עס אָבער ביי דעם פרוב פון איינצופירן אביסל מער פרייהייט, אָדער אביסל מער גלייכהייט, וועלן אייך די זעלבע רעוואָלוציאָנערן זאָגן מיט א רחמנות פנים, אז עס וואָלט אודאי געווען א גוטע און א וואוילע זאך, ווען עס זאָל נאָר מעגלעך זיין. און ניט מעגלעך איז עס דערפאר, וואָס עס וואָלט געפירט צו א גרויסער אומאָרדנונג, וועלכע וואָלט זיך אָפגערופן זייער שלעכט קודם אויף דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער באפעלקערונג, וואָס דאָס איז דער באזיס פון דעם געזעלשאפטלעכן לעבן. דאָס ווייזט אָבער בלויז אויף וויפל די מעגלעכקייט אָדער אוממעגלעכקייט פון א זאך, איר דורכפירבארקייט אָדער ניט דורכפירבארקייט, הענגט אָפּ פון דער אבסאָלוטהייט און זיכערהייט, מיט וועלכער איינער גלויבט אין דעם אידעאל, צוליב וועלכן די אָדער יענע זאך דארף געטאָן ווערן.

וואָלטן נאָר מענטשן אזוי שטארק געגלויבט אין דעם אידעאל פון פרייהייט און גלייכהייט ווי זיי גלויבן שוין, למשל, אין דעם אידעאל פון רעפובליקאניזם, וואָלטן זיי אזוי געגלויבט אין דער נויטיגקייט פון אָפּצושאפן אונטערדריקונג אין יעדער פאָרם, און אין דער נויטיגקייט פון ארייננצופירן די גלייכהייט אויף דעם סאָציאלן און עקאָנאָמישן געביט, ווי זיי גלויבן אין דער נויטיגקייט פון אָפּשושאפן און אויף אייביק פטור צו ווערן פון דעם פאָליטישן אבסאָלוטיזם, וואָלט שוין די מעגלעכקייט פאר פרייהייט און גלייכהייט באלד נאָך דער רעוואָלוציע געוואָרן א פאקט; שוין פשוט דערפאר, וואָס זי וואָלט איינגעפירט געוואָרן, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיין רעזולטאטן און קאָנסעקווענצן; ווי דאָס ווערט געטאָן מיט דער איינפירונג פון יעדן סיסטעם און מיט דער פארווירקלעכונג פון יעדן אידעאל, אין וועלכן עס איז נאָר פאראן דער אבסאָלוטער זיכערער און פעסטער גלויבן.

דער גלויבן אָבער אין דער אבסאָלוטער פרייהייט און גלייכהייט אלס אין עפּעס, וואָס בילדעט דעם תוך און תמצית פון דער סאָציאלער

רעוואָלוציע, קאָן קומען ערשט יעמאלט, ווען דער ראדיקאלער און פראָגרעסיווער עלעמענט פון דער געזעלשאפט וועט זיך באפרייען פון דעם מאטעריאליזם; ווי אויך פון דעם ראציאָנאליזם און רעלאטיוויזם, אין וועלכן ער איז ביז איצט געווען ווי אין קייטן געשמידט.

---

## 2

קורץ אָבער שטארק, צייטווייליק אָבער איינפלוסרייך איז געווען די ווירקונג פון דעם מאטעריאליזם. ער האָט פארמאָגט עטוואָס, וואָס האָט אפעלירט צו דעם וויסנשאפטסמאן אזוי גוט ווי צו דעם דורכשניטס-מענטשן. דעם וויסנשאפטסמאן האָט דער מאטעריאליזם צוגעצויגן מיט דער האָפנונג אויף קלאָרקייט, זיכערקייט און באשטימטקייט. און דעם פשוטן מענטשן האָט דער מאטעריאליזם געפאנגען מיט זיין אויבנאופי-קער איינפאכקייט, מיט דער ממשותדיגקייט און קאָנקרעטקייט, וואָס שאפן א באָדן פאר די, וואָס גייען ניט אוועק, סיי אין דער ברייט און סיי אין דער טיף, ווייטער פון זייערע חושים.

דער מאטעריאליזם, דערמיט, וואָס ער האָט צוגעזאָגט צו ווייזן מיט דער צייט שווארץ אויף ווייס, ווי אלץ וואָס מיר באנעמען מיט אונ-זערע חושים, באגרייפן מיט אונזער געדאנק און לעבן דורך מיט אונזע-רע געפילן ווערט אויף אזא אָדער אן אנדער אופן, אין דער, אָדער אין אן אנדער לאבאָראטאָריע, פארוואנדלט אָדער רעדוצירט צו עפעס, וואָס קאָן געוואויגן און געמאָסטן ווערן, האָט געוועקט האָפנונגען אין די הער-צער פון די געטרייע דינער פון דער וויסנשאפט, אז פריער אָדער שפע-טער וועט די וויסנשאפט באהערשן אלע ווינקעלעך פון דער אוניווערס און מאכן אויף אזא אופן א סוף צו אלץ, וואָס שטיצט זיך אויף אומדער-קענטקייט און אויף דעם גלויבן אין וואונדער און אוממעגלעכקייטן.

דאָס, וואָס דער וויסנשאפטסמאן האָט פאר זיך אלס אידעאל גע-

האלטן און האָט בלויז געהאָפט אויף זיין פארווירקלעכונג אין דער ווייטער צוקונפט, איז שוין א ווירקלעכקייט געוואָרן ביי א גרויסן צאָל מענטשן, דערהויפט ביי די, וואָס האָבן געאָטעמט מיט דער לופט פון דעם ראדיקאליזם. דער אטאָם איז פאר זיי געוואָרן דער מיטלפונקט פון דער גאנצער וועלט, אָדער די אקס, וואָס ארום איר דרייט זיך די גאנצע אוניווערס. און זיי האָבן דערפילט אין אים א שטיצפונקט פאר אלע זייערע ספקות און אומקלאָרקייטן. גלויבנדיק „אין די מענטשן פון ליכט, וואָס גייען אין וועג צום ליכט” האָבן זיי געגלויבט, אז דאָס איז די ליכטיגקייט גופא. דער וויסנשאפטסמאן איז אין זייערע אויגן א כשוף מאכער געוואָרן, און ער האָט זיי טאקע פארכשופט.

די פילאָזאָפיע, אלזאָ, ווי די וויסנשאפט, די וויסנשאפט ווי די קונסט און די קונסט ווי די פשוטע און איינפאכע נשמות פון די, וואָס האָבן זיך נאָך אין דער ציוויליזאציע ניט פיל געטונקען, און וואָס זענען נאָך ניט באטרונקען געוואָרן פון די אלע באקוועמלעכקייטן, וואָס שטאָל און אייזן, דאמף און עלעקטרי האָבן דער מענטשהייט געגעבן — זיי אלע רעדן בקול רם קעגן דעם מאטעריאליזם און קעגן א הפקר וועלט — א וועלט אָן א הארץ און אָן א נשמה, אָן א באוואוסטזיין און אָן א ווילן, אָן א זין און אָן א צוועק.

ווי לאנג נאָך וועלן געזעלשאפטלעכע טעאָריעס, און דער עיקר טעאָריעס פראָגרעסיווע און ראדיקאלע, זיך ניט רעכענען מיט דער וויסנשאפט, קונסט און פילאָזאָפיע פון דער נייער צייט? ווי לאנג נאָך וועלן זיי קאָנען אָטעמען מיט א לופט, וואָס אין איר ווערט דער אקסיגען וועניקער פון מאָמענט צו מאָמענט? ווי לאנג נאָך וועלן זיי קאָנען לעבן אין אן אטמאָספערע, וואו אלטקייט און פארשימלטקייט רוט אויף יעדער ואך, וואָס האָט נאָך א שטיקל פרצוף, וואָס פארמאָגט נאָך א שטיקל אויסזען?

אונז דוכט זיך, ניין, מיר זענען דערין זיכער, אז דער איצטיקער ראדיקאליזם, און מיט אים די גרונטלאגן פון די ראדיקאל סאָציאָלאָגישע „איזמען” ציילן זייערע לעצטע מינוטן. צו אלט איז שוין דער מאטעריאליסטישער און אטעאיסטישער ראדיקאליזם, ער מוז אראָפּגיין פון דער

בינע, און מיט אים צוזאמען זיין פארשייטע און אויסגעשפילטע מאטרעסע, — די ציוויליזאציע.

אויף א ראדיקאליזם, וואָס זאָל לייקענען אין אלע ווערטן, און זאָל אליין, ניט נאָר ניט שאפן, נאָר זיך אפילו ניט רעכענען מיט די, פון אנדערע געשאפענע, ווערטן—אויף אזא ראדיקאליזם האָט די מענטשלעכע נשמה לאנג לעבן ניט געקאָנט.

גאָר א סך מענטשן הויבן איצט אָן אוועקגיין פון דער וועלט מיט דעם געפיל פון א „מאָריץ בענדיטזאָן-זון”, דעם געפיל, אז זיי גייען אוועק פון דער וועלט ניט פאר נחת, ניט פאר עגמת נפש, נאָר פון לערקייט. זיי פילן, אז זיי האָבן קיין זאך ניט אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיי איינהאלטן און צובינדן צו איר, זיי פילן, אז זיי זענען אן עקר סיי מיט דעם גוף, סיי מיט דער נשמה.

א נייער ראדיקאליזם מוז קומען אויף דער וועלט, אָדער אפשר גאָר א ראדיקאלער קאָנסערוואטיזם, וואָס זאָל פארנעמען דאָס אָרט פון דעם קאָנסערוואטיוון ראדיקאליזם. דער נייער ראדיקאליזם וועט מוזן ארבעטן פאר דער קאנסערווירונג פון אלץ אין דעם אלטן, וואָס איז געוועזן שען, דערהויבן און הערלעך. ער וועט מוזן אין לעבן אריינברענגען, אלס א ווירקנדע קראפט, אלץ פון דעם אלטן, וואָס איז אייביק, אבסאָלוט און פאָלקאָמען, און וואָס, ווען עס בייט אין פארלויף פון צייט אויף טויזנטערליי אופנים זיין פאָרם, בלייבט עס אָבער אין זיין וועזנטלעכסטער וועזנהייט, אין זיין תוך און תמציתדיקן אינהאלט, אלע מאָל דאָס זעלבע.

דער נייער ראדיקאליזם וועט מוזן באפרייען דעם מענטשן ניט נאָר פון דעם מאטעריאליזם, נאָר אויך פון דעם ראציאנאליזם, וועלכער גלויבט, אז אלץ אין דער וועלט קאָן אויסגערעכנט און אויסגעמאָסטן ווערן. און אז דאָס וואָס קאָן ניט אין מאטעמאטישע ראמען אריינגעזעצט ווערן, דאָס קאָן ניט אריינגענומען ווערן אין אונזער דערקענטניש-קרייז.

מיט דעם ראציאָנאליזם פאלט שוין אויך אוועק דער רעלאטיוויזם, דער דריטער פאלשער יסוד פון דעם מארקסיזם. דאָרט וואו עס האנדלט זיך וועגן אינסטינקט, געפיל אָדער אינטואיציע, דאָרט איז ניט שייך קיין

באגרענצונג אָדער פארהעלטנישמעסיגקייט, דער אינסטינקט איז דירעקט ספּאָנטאן און אבסאָלוט, און דער געפיל שפּירט גאנץ גוט דעם פּונקט, וואָס ווייטער פון אים קאָן מען שוין ניט גיין.

ווען ראָמצאָ שרייט אויס: אזוי ארום שטארב איך מיט א קוש! מוז ער זיכער אין דעם מאָמענט זיין באהערשט פון א געפיל, וואָס שפּירט גלייכצייטיק די פאָלקאָמענהייט, די אבסאָלוטהייט, און די אייביגקייט. און דאָס זעלבע מוז דורכלעבן דזשוליעט, ווען זי שרייט אויס: אָ גליקליכער קינזשאל!

אָן אזא שפּירונג וואָלטן אזעלכע אקטן ניט מעגלעך געווען.

נאָר דערפאר, וואָס די וויסנשאפטסלייט און די פילאָזאָפן האָבן פארזעצן די אינטואיציע, האָבן זיי געקאָנט רעדן וועגן דער רעלאטיוויטעט פון דער וויסנשאפטלעכער דערקענטניש. „וואָס איז יאָ רעלאטיוו", זאָגט בערסאָן, „איז די סימבאָלישע דערקענטניש פון די פריער עקזיסטירנדע באגריפן, וועלכע גייען אריבער פון דעם פיקסירטן צו דעם באוועגנדן, און ניט די אינטואיטיווע דערקענטניש, וועלכע גיסט זיך אריין אין דעם, וואָס באוועגט זיך און נעמט אָן דעם עצם לעבן פון זאכן. די דאָזיקע אינטואיציע דערגרייכט דאָס אבסאָלוטע".

דער דאָזיקער אבסאָלוטיזם מאכט מעגלעך אויף דעם סאָציאלן געביט צו טראכטן ניט נאָר וועגן סתם גלייכהייט און פרייהייט, נאָר טאקע וועגן אבסאָלוטער גלייכהייט און אבסאָלוטער פרייהייט, און ניט נאָר צו טראכטן, נאָר אויך צו ארבעטן פאר דעם, אז די קומענדע רעוואָלוציע, אין וועלכן לאנד זי זאָל ניט אויסברעכן, זאָל זיי — די גלייכהייט און די פרייהייט — מיט דער פולער מאכט און שטארקייט פון דער מאָראל און גערעכטיגקייט אין לעבן אריינפירן, אין זייער אבסאָלוטער פאָרם. און דאָס ערשט וועט זיין די סאָציאלע רעוואָלוציע.

האָט דאָך שוין די סאָציאלע אָנשויאונג אָדער טעאָריע, וואָס גייט אונטער דעם נאָמען אנארכיזם, אָנגענומען דעם אבסאָלוטיזם, און צו א נעוויסן גראד אויך דעם איראציאָנאליזם, און אויף אזוי פיל איז ער אוועק א סך ווייטער פאר דעם מארקסיזם, און ער האָט געקאָנט דעריבער וואגן זיך איינצושטעלן, אויב נאָך ניט פאר דער פולער עקאָנאָמי-

שער גלייכהייט, איז אומוועניקסטן פאר דער פולער און אומבאדינגטער פרייהייט. דער אנארכיזם, אָבער, אין זיין סאָציאלער געשטאלט, וועלכער ער האָט אָנגענומען, למשל, ביי קראָפּאָטקינען און ניט אין דעם ריין פילאָזאָפישן געשטאלט, וואָס א טאָלסטאָי, אָדער א שטירנער האָט אים געגעבן, קאָן ניט מיט זיין אבסאָלוטיזם און איראציאָנאליזם גענצלעך פארענטפערן די סאָציאלע פראגע, ווייל זיי ביידע, דער אבסאָלוטיזם און דער איראציאָנאליזם זיינער גייען ביי אים אינאיינעם מיט א האלבן אידעאליזם בלויז, מיט א היסטאָרישן, און ניט קיין אוניווערסאלן אידעאליזם.

דער אנארכיזם, וואָס האָט באוויזן א שטיקל סאָציאלע באוועגונג צו שאפן, און דאָס מיינט נאטירלעך דער אנארכיזם פון קראָפּאָטקין, האָט אָנגענומען די זעלבסטשטענדיגקייט און די איניציאטיוו ווירקנדע קראפט פון דער אידעע, אָדער פון דעם געדאנק און גייסט. די אידעע, אָבער, אָדער דער גייסט הויבט זיך ביי אים אָן ערשט מיט דעם מענטשן. ווייטער פון דעם מענטשן אין דער אומענדלעכער פארגאנגענהייט איז פאראן א סך נידעריקערעס און אומבאדייטנדערעס, אָבער בשום אופן ניט קיין העכערעס און מער באדייטנדערעס. וועגן עטוואָס, ערגעץ וואו, וואָס איז אלע מאָל געווען און איז העכער פאר דעם מענטשן, וועגן אן איבעראלע מענטשלעכקייט, וואָס שטעלט צונויף דעם מהות און די תמצית פון דער אוניווערס און גיט א זין און אינהאלט דעם מענטשלעכן לעבן, וועגן אזא מעגלעכקייט, האָט דער שטארקסטער מענטשן-ליבנדער מענטש, דער שארפסטער און אויסגעשפראָכנסטער סאָציאלער אנארכיסט, פּעטער קראָפּאָטקין, אָדער קיינמאָל ניט געטראכט, אָדער אלע מאָל געריכטעט זיין דענקען אויף דער נעגאטיווער זייט פון דער פראגע.

די אבסאָלוטע סאָציאלע פרייהייט און די אבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט שטיצן זיך דורכאויס אויף דעם דראנג פון דעם מענטשן נאָך אינדיווידואליטעט און גערעכטיגקייט. זיי טרייבן דאָס דעם מענטשן מיט אלץ צו ריזיקירן. די דאָזיקע אנטשלאָסנקייט, מיט אלץ צו ריזיקירן, וואָס נאָר זי אליין מאכט מעגלעך נאציאָנאלע זיגן און סאָציאלע איבערקערן, פארלירט אָבער יעדן באטייט, אויב די מענטשלעכע אינדיווידואליטעט

זאָל ניט זיין, אויף אזא אָדער אן אנדער אופן, מיט אזעלכע אָדער אנ־דערע פעדים, אינטים געבונדן מיט דער אוניווערסאלער אינדיווידואלי־טעט און גערעכטיגקייט, וועלכע שטייען הינטער אלץ, וואָס איז מענטש־לעך, און וואָס צוליב זיי האָט דער אָפּפער מיט אלץ, וואָס איז ניט מער ווי מענטשלעך, א זין און א ווערט.

דער אנארכיזם, דעריבער, אָדער וועלכע עס איז אנדערע טעאָריע, וואָס איר וועט באשערט זיין צו שפּילן אן אנטשיידנדע ראָלע אין דער סאָציאלער רעוואָלוציע, וועט מוזן שלאָגן די טיפסטע, וואָס איז נאָר מעג־לעך, וואָרצלען אין דעם באָדן פון דעם אידעאליזם. דער פילאָזאָפישער אָדער אוניווערסאלער אידעאליזם, אין זיין פולסטער טיף, וועט מוזן ווערן איר בלוט און זאפט.

אונז וועט נאָך אויסקומען גאָר לאנג אָפּצושטעלן זיך אויף דער קריטיק פון קראָפּאָטקינס אנארכיזם פון דעם שטאנדפונקט פון די נייסטע פאָרשונגען און ווענדונגען אין דער פילאָזאָפיע און אין דער וויסנשאפט, און מיר וועלן פרובן באווייזן, אז די פילאָזאָפיש-וויסנשאפטלעכע, אָדער וויסנשאפטלעך־פילאָזאָפישע גרונטלאגע פון קראָפּאָטקינס אנארכיזם איז, אין גרונט גענומען, אקוראט אזוי פאלש ווי די האלב פילאָזאָפישע און האלב וויסנשאפטלעכע גרונטלאגע פון מארקס-סאָציאליזם, און דערפאר, קאָן קראָפּאָטקינס אנארכיזם זיין אזוי ווייניק ווי מארקס-סאָציאליזם דער אָנשפּאר־פונקט פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע, וואָס דארף געבן דער מענטשהייט אבסאָלוטע פרייהייט און גלייכהייט, וואָס אָן זיי קאָן די סאָ־ציאלע פּראָבלעם ניט געלעזט ווערן.

די אמתע סאָציאלע רעוואָלוציע, דער געזעלשאפטלעכער איבערקער, וואָס וועט באמת ברענגען דער מענטשהייט דעם גליק, וואָס א גרויסער טייל פון איר מאָלט זיך שוין אין זיין פאנטאזיע אלס מעגלעך, און דאָס איז דעם גליק, וואָס נאָר א ברידערלעכער צוזאמענלעבן פון מענטש מיט מענטש קאָן געבן, א גליק, וואָס נאָר א געפיל פון עקאָנאָמישער און סאָ־ציאלער גלייכהייט קאָן געבן, א גליק, וואָס נאָר א געפיל, אז די גערעכ־טיגקייט אויף אזוי וויים ווי זי האָט שוין איר אויסדרוק געפונען אין דער מענטשלעכער נשמה הערשט אין אלע ווינקעלעך פון מענטשלעכן צוזאמענ־

לעבן—אזא רעוואָלוציע קאָן ערשט קומען יעמאָלט, ווען דער מענטש וועט דערשפירן פון דאָס ניי, אז די גרויסע און ברייטע וועלט, וואָס שפרייט זיך פאנאנדער פאר אים און איבער אים, באשטייט אין איר תוך און תמצית פון אן אינהאלט, וואָס איז, אויף אזא אָדער אן אנדער אופן, גע־גליכן צו דעם, וואָס שטעלט צונויף דאָס העכסטע און בעסטע אין דעם מין מענטש גופא.

די סאָציאלע רעוואָלוציע, וואָס וועגן איר טרוימט פאר דעם לעצטן יאָרהונדערט די ליידנדע און אונטערדריקטע מאסע, קאָן קומען נאָר יע־מאָלט, ווען די פסיכיק און ניט די עקאָנאָמיק וועט ווערן דער דירעק־טירנדער מאָטיוו פון די געזעלשאפטלעכע שייכותן און רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייטן. מעגן זיך זיין וויפל רעוואָלוציעס די ברענענדסטע קעמפער ווילן נאָר, און מעגן זיי אָננעמען אזא אָדער אן אנדער פאָרם, וועט קיין איינע פון זיי ניט זיין די סאָציאלע רעוואָלוציע, כל זמן זי וועט ניט, באלד נאָכדעם, ווי זי וועט פראָקלאמירט ווערן, אָפּשאפן אלע מעגלעכ־קייטן פאר דעם פארקויף פון דער נשמה צו דעם גוף, אלע מעגלעכקייטן פאר דעם, אז דער אויסערלעכער פראכט און גלאנץ זאָל איינשלינגען די אינערלעכע שענקייט און דערהויבנקייט, אלע מעגלעכקייטן פאר דעם, אז די נוצן פון ציוויליזאציע זאָלן העכער געשאצט ווערן און מער אָנער־קענט ווערן איידער די ווערטן פון קולטור.

מיט צוויי געדאנקען וועט די געזעלשאפט מוזן דורכגעדרונגען ווערן אין איר ברייט, אזוי גוט ווי אין איר טיף. איין געדאנק איז, אז ווען עס ווערט אוועקגענומען באוואוסטזיין אָדער גייסט פון דער וועלט־אל־תמצית, ווערט דערמיט אוועקגענומען יעדע מעגלעכקייט צו דערקלערן דעם מינדסטן צוזאמענהאנג צווישן די דערשיינונגען, אויף וועלכע טיר שטויסן זיך אָן יעדע סעקונדע פון אונזער לעבן. דער צווייטער געדאנק איז, אז ווערנד מען קאָן זיך פאָרשטעלן, אז מאטעריע זאָל אויף אזא אָדער אן אנדער אופן, לויט די פארשיידענע בילדער, וואָס זענען צו פארשיידענע צייטן פון פארשיידענע פילאָזאָפן געמאָלן געוואָרן, אויפגע־לייזט ווערן אין פסיכישע אָדער גייסטיקע צושטאנדן, קאָן מען דעם היפוך, ד. ה., אז גייסט זאָל זיך אין מאטעריע ארויסקריסטאליזירן, בשום

אופן זיך ניט פאַרשטעלן, און אזעלכע בילדער פארמאָגט טאקע די פּי־לאָזאָפיע ניט. און היות ווי קיינעמס פאנטאזיע קאָן ניט גיין אזוי ווייט ווי צו צושרייבן דער מאטעריע דעם כח זיך זעלבסט צו פאראורזאכן, און בכלל צו שאפן עפּעס פון דאָס ניי, דעריבער האָבן די טיפערע מא־טעריאליסטן געמוזט, אָדער אָנהויבן, אָדער ענדיקן מיט אן „איך ווייס ניט", וואָס דאָס הייסט, אויף דעם פילאָזאָפישן לשון, אגנאָסטיציזם. מיר האָבן שוין געזען, אז „דער איך ווייס ניט" גופא אָבער, איז אין זיך כולל א געוויסן וויסן פון עפּעס, און דעריבער האָט דער אגנאָסטיציזם גאָר אין גיכן געמוזט אריבערגיין אין א פּאָזיטיוון ספּיריטואליזם, ד. ה. אין דער אָנערקענונג פון אן אבסאָלוט באוואוסטזיניקער עקזיסטענץ, וואָס אדאנק איר גייסטיקער מהות, אנטהאלט זי אין זיך גופא די אורזאך פון איר אנטשטייאונג, און ממילא פון אלע אנדערע געשטאלטן, וואָס ווערן געגעבן צו דער אוניווערס פון אונזער געפיל, ווילן און געדאנק.

פריער אָדער שפּעטער וועט די ראדיקאלע סאָציאָלאָגיע, וועלכער עס שטייען פאָר גרויסע אויפגאבן, מוזן, בכדי אָנצוהאלטן דעם גאנג מיט אלע אויסדריקן פון דער קולטור, ארייננוואַרפן זיך אין די אָרעמס פון דער פאַר־עקסעלענץ פאָרשערין פון דעם אבסאָלוטן אמת און מהות פון דער אוניווערס, און זי וועט זיך יעמאָלט ניט קאָנען העלפן דורכגעדרונ־גען צו ווערן מיט דער ספּיריטואליטעט, וואָס גיט דעם מענטשלעכן לעבן א זין און א תכלית, א טרייסט און א האָפנונג. די קעמפער פאר א נייער אָרדנונג וועלן יעמאָלט ווערן, אין איינער און דערזעלבער צייט, די קעמ־פער פאר קולטור להיפוך צו ציוויליזאציע אין אלגעמיין, און באזונדער צו דער ציוויליזאציע, וואָס דער קאפּיטאליזם האָט ארויסגעבראכט.

איינע פון די כאראקטעריסטישע שטריכן פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדנונג איז דאָס, וואָס דער מענטש אונטער איר איז פריער פון אלץ א מאשין. וויל מען באמת א נייע אָרדנונג, ניי ניט נאָר אין פאָרם נאָר אויך אין אינהאלט, מוז מען זיך גלייך פון אָנהויב אזוי אוועקשטעלן, אז דער גייסט פון דעם מענטשן זאָל מער פאר אלץ גענומען ווערן אין אָנ־באטראכט.

די רוסישע, צווייטע גרעסטע רעוואָלוציע אין דער וועלט, איז גע־

ווען אן ערפאָלג און איז דורכגעפירט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס און ניט פון די אנדערע רעוואָלוציאָנערע פארטייען נאָר דערפאר, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אין דער פראקטיק אויף א ווייליטשקע אוועקגע־שטעלט זיך העכער איבער דעם מארקסיזם. זיי האָבן זיך גערעכנט מיט דעם גייסט פון דעם רוסישן פאָלק ווי אויך, אפשר, מיט דעם גייסט פון דעם יידישן פאָלק, מער איידער מיט דער מאשין און אלע אנדערע זאכן, וואָס שטייען דרויסן פון דער פאָלקס־נשמה. דער גייסט פון די צוויי פעלקער, וואָס האָט אינספירירט די רעוואָלוציע, האָט זיי געטריבן צו פאר־געסן אין אלע געזעצן פון עוואָלוציע, לויט וועלכע אלע ענדערונגען דארפן געמאכט ווערן אויף א לאנגזאמען און בהדרגהדיקן אופן, און האָט זיי געמאכט צו לערנען די מאסן און זיך אליין אויך, צו ארבעטן פאר א באלדיקן געוואלטזאמען און ראדיקאלן איבערקער.

אויף דעם קאָנגרעס פון דעם דריטן אינטערנאציאָנאל אין אָקטאָ־בער 1920, האָט לענין געזאָגט: „אין רוסלאנד האָבן מיר טריאומפירט אָן שוועריגקייטן דערפאר, וואָס מיר האָבן געהאט צוגעגרייט אונזער רע־וואָלוציע בשעת דער אימפעריאליסטישער מלחמה. די צוגרייטונג איז בא־שטאנען אין דער רעוואָלוציאָנערער פראָפּאגאנדע פון דער באָלשעוויסטי־שער פארטיי, ד. ה. אין דער פארשפרייטונג פון דעם רעוואָלוציאָ־נערן סאָציאליסטישן געדאנק. ווען איך זאָג „רעוואָלוציאָנערן", מיין איך ניט דעם געדאנק פון עוואָלוציע. איך האָב פיינט, ווען פרידלעכע געזעצליבנדע בירגער טוען זיך אָן לכבוד יום־טוב אין א רעוואָלוציאָ־נערע מיצקע. רעוואָלוציע איז איין זאך, און עוואָלוציע איז אן אנ־דער זאך. די דייטשע סאָציאל־דעמאָקראטישע פארטיי האָט אין די פופציק יאָר פון איר טעטיגקייט געלערנט מיט די ארבעטער די תורה פון עוואָלוציע און האָט דעם פאראדנעם וואָרט „רעוואָלוציע" אויס־געטייטשט, אז דאָס איז נאָר אן אנדער וואָרט פאר „אנטוויקלונג". די באָלשעוויסטישע ריכטונג פון דער רוסישער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטיי, פארקערט, האָט שטענדיק גערעדט פון „רעוואָלוציע" אין זין פון א גוואלדיקער איבערקערעניש".

די באָלשעוויקעס, אָבער, האָבן ניט געקאָנט ברענגען די דאָזיקע

רעוואָלוציע צו דער מדרגה פון א סאָציאלער רעוואָלוציע, ווייל זיי האָבן באלד חרטה געהאט דערויף, וואָס זיי זענען צו ווייט אוועק פון דער טעאָריע, און זיי האָבן זיך גענומען, ווי זייער רבי מארקס האָט זיי געלערנט, צו שטעלן די טראָפּ אויף דער מאשין, און אויף די אויסנווייניקסטע אומשטענדן, אָנשטאָט אויף דער נשמה און אויף די אינווייניקסטע געפילן און נייגונגען. און איצט שרעקן זיי זיך פאר דעם געשריי: די ציוויליזאציע איז אין געפאר! ניט ווייניקער איידער די, וואָס זענען געווען, און זענען איצט, דער רוקן-ביין פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

אין „סאָוועט ראָסיא" פון נאָוועמבער 1921 לייענען מיר לענינס אן ארטיקל, אין וועלכן ער שרייבט: „מיר טאָרן ניט פארגעסן, אז דער איינציקער פונדאמענט פון אונזער עקאָנאָמישער פּאָליטיק איז די גרויסע אינזשינער קונסט-אינדוסטרי. דער וואָס פארגעסט דאָס, איז ניט קיין קאָמוניסט... עס איז גאָרניט נויטיק חרטה צו האָבן דערויף, וואָס מיר וועלן דארפן צאָלן די קאפּיטאל׳סטן הונדערטער מיליאָנען קילאָגראמען אייל פאר דעם, וואָס זיי וועלן אונז העלפן עלעקטריפיצירן אונזער לאנד".

אונטער די דאָזיקע ווערטער פון דעם אפּאָסטאָל פון קאָמוניזם, וואָלט זיך אונטערגעשריבן יעדער איינציקער קאפיטאליסט, ווען עס זאָל זיך האנדלען וועגן קאפיטאליזם אָנשטאָט קאָמוניזם און אויף אזוי פיל, וויפל דער קאָמוניסט און דער קאפּיטאליסט פאלן ביידע גלייך כורעים פאר דער ציוויליזאציע, וועלכע איז, אזוי צו זאָגן, די נשמה פון דער גרויסער אינדוסטרי, אויך אזוי פיל מוז דער קאָמוניסט, צוגלייך מיט דעם פארטיידיקער פון קאפיטאליזם, אויף א גאנץ ערנסטן אופן, ארויסטרעטן קעגן דער אבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, און, ממילא, קעגן דער אבסאָלוטער סאָציאלער פרייהייט.

דער שרעק טאָמער וועט חלילה די ציוויליזאציע אונטערגיין האָט געטריבן דעם טיפן פארטיידיקער פון דער קאפיטאליסטישער אָרדנונג, וויליאם ה. מאלאק, זיך איינצושטעלן אזוי שטארק פאר דער עקאָנאָמישער אומגלייכהייט. אין זיין בוך „סאָציאלע גלייכהייט" טענהט ער

אז די אומגליייכהייט, וואָס רינגלט אונז ארום, איז ניט קיין צופעליקער חסרון, וואָס מיר מוזן ווי ווייט מעגלעך פארקלענערן, נאָר פארקערט, די דאָזיקע אומגלייכהייט איז די ווירקנדע אורזאַך פון ציוויליזאַציע, די אורזאַך פון איבערפלוס אָבער איז ניט די אורזאַך פון מאנגל, און ווען די אומגלייכהייט זאָל אָפּגעשאַפן ווערן וואָלט דער מאנגל פארגרעסערט געוואָרן, און ניט פארקלענערט געוואָרן".

און דער פארברענטער קאָמוניסט פיער פּאסקאל צעגיסט זיך פון נחת דערפון, וואָס די באָלשעוויקעס אין רוסלאנד האָבן ניט איינגעפירט אוטאָפּיסטיש עקאָנאָמישע גלייכהייט, וועגן וועלכער די אנארכיסטן טרוימען.

לענין האלט אין איין טענהן, אז די רעוואָלוציאָנערע רוסלאנד מוז צאָלן צינז צו דעם אינטערנאציאָנאלן קאפיטאליזם. און פון א ציוויליזאציאָנס שטאנדפונקט איז ער זייער גערעכט. ווער עס שטעלט אוועק די גרויסע אינדוסטרי אין צענטער פון דעם געזעלשאפטלעכן פראָגרעס, דער מוז מיט דער אמתער רעוואָלוציע אין זיין לאנד ווארטן ביז די רעוואָלוציע וועט זיך פאנאנדערפלאקערן אויך אין די הויך אנטוויקלטע אינדוסטריעלע לענדער. און דערפאר איז דאָס אונזער איבערצייגונג, אז אלע טענות פון די אלע אנדערע סאָציאליסטן קעגן די באָלשעוויקעס זענען ניט בארעכטיקט, מחמת די זעלבע סאָציאליסטן וואָלטן אויף קיין איין האָר ניט געהאנדלט אנדערש, ווען זיי זאָלן זיין אויף דעם אָרט פון די באָלשעוויקעס, און גאָט ווייסט, אויב אפילו די אנארכיסטן; וואָרום אויך דעם אנארכיזם, ווי מיר וועלן עס זען, ווען מיר וועלן קומען צו אים, פעלט נאָך זייער פיל אויף צו באפרייען זיך געגנצלעך פון דער דינסט צו דער עבודה זרה, וואָס האָט אין דעם נייגצנטן יאָרהונדערט אָנגענומען דעם נאָמען — ציוויליזאציע.

און ביז וואנען עס וועלן ניט אויפשטיין רעוואָלוציאָנערן, וואָס וועלן אוועקשטעלן קולטור העכער איבער ציוויליזאציע, וועלן די, וואָס וועלן אוועקגעשטעלט ווערן אין דער שפיץ פון דער רעוואָלוציע, באטראכטן די מאכט-האלטונג וויכטיקער פון אלץ. און אזוי לאנג ווי

דער אנארכיזם איז נאָך ניט דורכגעדרונגען מיט דער אידעע פון קול-טור אָנשטאָט ציוויליזאציע, איז נאָך אַלץ פאראן א געפאר, אז ווען אנארכיסטן זאָלן אוועקגעשטעלט ווערן ביי דעם רודער פון א געזעל-שאפט, וואָלטן זיי אויסגעטראכט א נייעם מין אנארכיסטישע רעגירונג, פונקט ווי די באָלשעוויקעס האָבן אויסגעטראכט א נייעם מין קאפיטא-ליזם. און זאָלן די אנארכיסטן, וואָס לאכן פון אזא שטיקל נביאות, זיך דערמאָנען ווי די סאָציאליסטן פון אלע שאטירונגען האָבן געלאכט, ווען די אנארכיסטן האָבן מיט פופצן יאָר צוריק נאָך פאָרויסגעזאָגט, אז ווען די סאָציאליסטן וועלן האָבן די מאכט אין די הענט, וועלן זיי מיט איר זיך באגיין אזוי איידל, אויב ניט נאָך איידעלער, ווי קאפיטא-ליסטן באגייען זיך מיט איר. און איצט זאָגט לענין קלאָר און שארף: „מיר זאָגן ניט צו ניט קיין פרייהייט און ניט קיין דעמאָקראטיע, מיר זאָגן ניט דעם פויער, אז ער קאָן אויסקלויבן צווישן אונז און אנדע-רע. מיר זענען גרייט אין געוויסע גרענעצן צו געבן זיי קאָנצעסיעס, בכדי צו איינהאלטן די מאכט אין אונזערע הענט, און אויף אזא אופן פירן זיי צום סאָציאליזם, אָדער צו אן אָפענער בירגערלעכער מלחמה, אלעס איבעריקע איז דומהייט און די ריינסטע דעמאגאָגיע”.

פיזישע מאכט, מאטעריאליסטישע מעכאניק און ציוויליזאציע גיי-ען האנט אין האנט, און ווער עס גלויבט אין ציוויליזאציע, אין מע-כאניק, דער וועט זיך קיינמאָל ניט אָפזאָגן פון פיזישער מאכט, פונקט ווי ער וועט זיך, מעג ער זיין א סאָציאליסט אָדער אן אנארכיסט, ניט אָפזאָגן פון דעם געדאנק, אז דער ציל היילִיקט די מיטלען. אז פאלשקייט, אונטערדריקונג און נידערטרעכטיגקייט זענען מיאוס, שלעכט און אוממענטשלעך, אפילו ווען זיי ווערן פראקטיצירט אין דעם נאָ-מען פון די הייליקסטע אידעאלן, איז א שטאנדפונקט וואָס נאָר די, וואָס גלויבן אין קולטור און אירע אייביקע ווערטן, וועלן אָננעמען.

די באָלשעוויקעס, ווי אלע מארקסיסטן, האָבן אלע מאָל חוזק געמאכט פון די אייביקע ווערטן, און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס זיי שטעלן זיך ניט אָפ פאר קיינע מיטלען, וואָס דורך זיי, דענקען זיי, וועלן זיי אויפהאלטן די מאכט, דורך וועלכער זיי האָבן

צו פּאַרווירקלעכן דעם הייליקן אידעאַל פון סאָציאַליזם.

דער ענטפער אויף אַלץ, וואָס קומט פאָר איצט אין רוסלאַנד, דאַרף זיין א טעאָריע, וואָס זאָל זיין אזוי דורכגעדרונגען מיט דעם אוניווערסאלן גייסט און זייגע אבסאָלוטע אייביקע אויסדרוקן פון אמת, פרייהייט און גערעכטיגקייט, אז עס זאָל אוממעגלעך זיין אין דער צו־קונפט פאר וועלכע עס איז מענטשן, וואָס באצייכענען זיך מיט דעם נאָמען רעוואָלוציאָנערן, צו באנוצן זיך מיט פאַלשקייט, אונטערדריקונג און אומגערעכטיגקייט, אלס מיטלען צו פאַרווירקלעכן וועלכן עס איז סאָציאַלן אידעאַל, מעג ער זיין ווי שען און דערהויבן.

דער מארקסיסטישער סאָציאַליזם האָט צופיל געבויגן דעם מענטשן צו דער ערד, ד. ה. צו דער עקאָנאָמיק און ציוויליזאציע. דער סאָציאַליזם וואָס וועט קומען, דער ניי סאָציאַליזם, וועט הויבן דעם מענטשן צום הימל, דאָס הייסט צו דער פסיכיק און צו דער קולטור.

דער דאָזיקער סאָציאַליזם וועט אָבער ניט, ווי קריסטנטום האָט געטאָן, באטראַכטן דעם הימל און די ערד ווי צוויי באזונדערע וועלטן, און ער וועט דערפאר ניט ראטן דעם מענטשן צו לאָזן דאָ אויף דער ערד אַלץ גיין ווי עס גייט זיך, ווייל דער אמתער גליק וועט ערשט קומען דאָרט ערגעץ וואו אין הימל, ערגעץ וואו פון יענער זייט פון דער דאָזיקער ערדישער וועלט.

מיט א שפּינאָזא און א בערגסאָן וועט דער נייער סאָציאַליזם באטראַכטן דעם הימל און די ערד, אָדער דעם גייסט און דעם שטאָף אלס צוויי פארשיידענע אויסדריקן, אָנבליקן אָדער באוועגונגען פון איין גרויסער און טיף אין זיך איינהייטלעכער וועלט. און דערפאר וועט ער ניט אויפהערן שטרעבן דערצו, אז אויך די ערדישע וועלט זאָל, ווי קריסטוס האָט עס לכתחילה געמיינט, ארויסברענגען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, דאָס איידלסטע און דערהויבנסטע, וואס די מענטשלעכע פאנטאזיע איז זיך שוין בכח אויסצומאָלן. דאָס אַלץ, וועט אָבער גע־טאָן ווערן האַלטנדיק די אויגן אין דער הויך און ניט אין דער נידער.

אָנשטאָט צו בויגן דעם הימל צו דער ערד, אָדער אויס בלינד־קייט אינגאַנצן ניט צו קוקן אויף דעם הימל, וועט דער מענטש, אונ־

טער דעם נייעם סאָציאליזם, מוזן הויבן די ערד צום הימל, אויף אונ־זער לשון הייסט עס, הויבן די ציוויליזאציע צו דער קולטור אָדער זען אין איר עפּעס וויכטיקעס נאָר אויף אזוי פיל, אויף וויפל זי קאָן געמאכט ווערן געטריי צו דינען דער קולטור אָדער צו זיין בלויז א מיטל פאר דער פארגרעסערונג און פארטיפונג פון דער קולטור. דער מענטש וועט מוזן עפענען זיינע אויגן און זיי ריכטן אזוי, אז ער זאָל ניט נאָר קאָנען קוקן אויף דעם הימל, נאָר אויך טיף אין אים אריינבליקן און זען, און דערזען וועט ער יעמאָלט גאָר א סך דערפון, וועגן וואָס דער איצטיקער מענטש האָט אונטער דעם איינפלוס פון דער ציוויליזאציע, זיך שוין אָפּגעוואוינט צו טראכטן און צו חלומען. אונטער דעם נייעם סאָציאליזם וועט, אין די ווערטער פון דעם גרויסן נביא עמוס, די גערעכטיגקייט זיך צעפליסן ווי א וואסער, און יושר וועט זיך צעגיסן ווי א מעכטיקער שטראָם! און יעדער איינער וועט פון דאָס ניי פארברענט ווערן פון דעם דורשט צו הערן גאָטס וואָרט...

---

# פארלאג „נייע געזעלשאפט“, שיקאגא

## וואס דענקער און שריפטשטעלער זאגן וועגן „קולטור און ציוויליזאציע“.

### ד״ר ח. זשיטלאווסקי אין „דאס נייע לעבן“, מאי, 1923:

„חבר נאטאנסאנס בוך „קולטור און ציוויליזאציע“, איז גאנץ זיכער א זייער דערפרייליכע פאסירונג אין אונזער יידישער ליטעראטור. עס איז דער ערשטער באנד פון א גרויס-און ברייט-פארטראכטער אריגינעלער ארבעט אויף דעם פעלד פון דער סאציאלער פילאזאפיע.

די וויכטיגקייט פון דער אויפגאבע, דער ניווא פון אלגעמיינער בילדונג און פאך-באלעזנקייט, ווי די קראפט פון דער ארגומענטאציע, וועלכע דער חבר ווייזט ארויס אין זיין בוך, וואלטן פארזיכערט פאר אים א פלאץ אין יעדער מאדערנער ליטעראטור.

מיר האבן דא צו טאן מיט דער ערשטער ערנסטער, טעארעטישער שאפונג, וואס איז אויפגעגאנגען אויף אונזער אייגענעם ליטעראַרישן פעלד...

די טעמע פון דעם בוך און דער ברייטער בליק, מיט וועלכן דער חבר נעמט זי אויף, ברענגען מיט זיך, אז אין דעם בוך זאלן באריהרט ווערן כמעט אלע וויכטיקע פראגן פון דער סאציאלער און דער אלגעמיינער פילאזאפיע, און זיי אלע ווערן באלויכטן—איינע מער, די אנדערע ווייניקער—פון דעם מחברס שטאנדפונקט.“

### ש. ניגער אין „טאג“:

„אבער זיין הויפט-פארדינסט ליגט דאך ניט אין דעם ארויסברענגען און דעם וואריאירן אט דעם אלטן קעגנזאץ צווישן קולטור און ציוויליזאציע. זיין אויפטו—איז דאס פארבינדן דעם רעיון פון דער דאזיקער אנטקעגנגעזעצטקייט מיט דעם פראבלעם פון סאציאליזם.

§ אין דעם זינען איז דאס בוך פון ה. נאטאנסאן אן אויפטו. שוין דערמיט § אליין, וואס עס זוכט א נייע, ריין עטישע באגרינדונג פארן סאציאליזם. שוין דערמיט אליין, וואס ער מיט זיך צו באווייזן, אז סאציאליזם דארף זיין פארבונדן מיט דעם באגריף „קולטור“, מיט דער וועלט פון אבסאלוטע גייסטיקע ווערטן“.

### פ. וויערניק אין „מארגן זשורנאל“:

„עס ליגט פאר מיר די ארבעט פון א גוטן בעל-מלאכה און ער קריגט פון מיר די אנערקענונג, וואס טיכטיקע ארבעט פארדינט. די איינטיילונג צווישן קולטור און ציוויליזאציע, אדער דער קאנטראסט צווישן דאס, וואס איז מאראליש און אבסאלוט און וואס איז מעכאניש, רעלאטיוו און פארגענגלעך, איז ווערטפול אפילו אויב מען זאל איר ניט אינגאנצן אננעמען.

דאס ווערק איז ווערטפול און גוט געשריבן, אפילו אויב איך קאן ניט איינשטימען מיט אלעם, וואס דער פארפאסער וויל באווייזן.“

### ד״ר א. מארגאלין אין „קוריער“:

„דאס ווערק בילדעט א גייסטיקן פרוזדור פאר א נייעם סאציאליזם. פיל שאצונגען ווערן דארט איבערגעשאצט; פיל סאציאלע תורות צעגליידערט... דאס בוך שטעלט פעסט דעם תמצית פון דער מענטשלעכער „קולטור“ און איר ראל, אלס איינציקע אייביקע טרייבקראפט און נשמה פון דער געזעלשאפט. שטודירן מוז מען דעם בוך און זיך ערנסט פארטראכטן איבער זיינע אויספירונגען און אלט-נייע געדאנקען, הגם מען איז ניט מחויב צו גלויבן אין זיין יעדן פסוק.“

### אין דער „פרייער ארבעטער שטימע“:

„ה. נאטאנסאן פארדינט זייער פיל קרעדיט פאר זיין שווערער און אויסריכטיקער ארבעט. דער בוך דארף געלייענט ווערן פון יעדן איינעם, וואס אינטערעסירט זיך מיט סאציאלע פראגן און מיט דער אנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן געדאנק. זיין טעריע „ניי-סאציאליזם“ פארשפרעכט צו זיין א וויכטיקער בייטראג צו דעם שטודיום פון די סאציאליסטישע און אנארכיסטישע לערן.“

**הויפט-פארקויף פון בוך: מאקס נ. מייזעל, 424 גרענדסטריט, ניו-יארק**



Printed in Poland

3 1761 07832874 7

Nathanson, William
Marksizm in likht fun kultur:
esents fun bukh "Kultur un tsivi-
lizatsye"

CB
19
N3